STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03327

# YORN

Shlomo Warzager

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

SHLOMO WARZAGER

# YORN (YEARS)

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby Str., Tel-Aviv, Israel

שלמה ווארזאַגער / יאָרן
פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח' אלנבי 31, תל־אביב

©

נדפס בישראל תשל"ג
Printed in Israel / 1973

דפוס „ראש פינה", רח' ראש פינה 19, תל־אביב

# שלמה װאָרזאָגער

# יאָרן

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תל אביב, תשל״ג — 1973

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון ליטעראַטור־פאָנד
ביים פאַראיין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן
אין ישראל.

בוד־קאָמיטעט:

יאָנאַס בוימגאַרט, פּרץ בורשטין, יעקב גלאַזער,
דייוויד דיאַמאַנד, יצחק לעווין, בען קאָוויטש,
איזידאָר קאַפּלאַנסקי, בען שוסטער.
[illegible]ל דיאַמאַנד.

באַלטימאָר (אַמעריקע)

א גרופּע פריינד

שלמה וואַרזאַגער / יאָרן




שלמה װאַרזאַגער

פאַר וואָס פּראָזע און ליד אונטער איין דאַך ?

גוטע פּראָזע האָט תמיד אין זיך עלעמענטן פון ליד: געמיט־צושטאַנד, אינערלעכע מוזיק, צימצום און צאַם פון וואָרט, פון זאַץ־קאָנסטעלאַציע.

פּאָעזיע, טראַץ (און אפשר: מחמת) די אויסגערעכנטע מעלות, דאַרף אויך עפּעס זאָגן. נישט־זאָגעניש — דערציילן. חוק פון קלאָרקייט איז, ווי אויף פּראָזע, חל אויך אויף איר.

אויב דער הויכער טאָן אין „יאָרן" שטערט נישט, צע־שטערט נישט די דערציילערישע אַטמאָספער, די פאַר־שטענדלעכקייט, זענען די לידער — טעמאַטיש, אין תוכן און אין פאָרעם — גוטער המשך: אינטעגראַלער טייל פון דער פּראָזע מיט איר לירישער השתפכות הנפש.

דער גבול צווישן פּראָזע און ליד איז אַ דינער. עובר זיין אים, איז מזיק ביידע. ס'באַקומט זיך — דאָס פאַר־קערטע.

די סכנה איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן, כ'מיין, אַז כ'האָב זי אויסגעמיטן.

דער מחבר

# קאַפּיטל איינס

## 1

יאָרן. אַ באַן. אַ לאַנגע נסיעה. אַ מענטש זיצט אַליין. קוקט אַריין אין זיך — צום צווייטן וואָס אין אים. אַ מענטש אין אַ מענטש.

איינער רעדט:

נאָכמיטאָג־שעה ביים ים. די זון האָט געברענט. דאָס זאַמד איז הייס. עטלעכע צענדליק מעטער פון מיר איז זי געלעגן. מירה. נאָענט איבער איר האָט זיך באַוועגט אַ קאָפּ אַרויף און אַראָפּ. אַ קאָפּ, אַ טונקעלער נאַקן, אַן אָפּגעברענטער. אַרויף און אַראָפּ זיך באַוועגט מיט קליינע פּויזעס. אַ האַנט אַ ווייסע, אַ מיידלשע האָט שלאַנגיק זיך געוויקלט אַרום זיין טונקעלן קאַרק. איר האַנט, מירהס.

כאָטש דאָס האַרץ האָט זיך געשראָקן פאַר דעם וואָס די אויגן וועלן דאָרטן זען, האָט דאָך אַהין געצויגן מיין בליק, ווי ס'ציט אַ מענטשן צו אַ תהום. דער קאָפּ, דער באַטשופּרינטער, מענערישער, האָט אָפּט, בעתן אַראָפּבייגן, פאַרהאַלטן זיך לענגער ווי מען באַדאַרף. זיינע ליפּן זע איך, זייגן זיך איין אין איר פּנים, האַלדז. מיטן טאָלעכל, וואָס צווישן די בריסטלעך, טרינקט ער, דער יונג, דעם האָניק פון איר מיידלשער נאַקעט־קייט.

מירהס װײכע װײסע הענטלעך, די שמאָלע פינגער (דער שאַרפער לאַק אויף די נעגל גלאַנצט אין דער זון) דריקן צו זיך דעם קאָפ.

װאָס בלאָנדזשען זײ, די פינגער, אַרום זײן קאַרק דעם אָקסיפּוט? װאָס זוכן זײ דאָרט? פינגער פון אַ פּיאַניסטין — פליסיקע, געאיבטע. געװוינט צו לויפן מסוגלדיק איבער קלאַװישן.

מירה, מײן סעקרעטאַרין. ס׳געהאַרכזאַמע מײדל, דאָס שײנע. איך האָב ליב געהאַט אַ צערטל טאָן אירע בלײכע פינגער. קנאַפּע צװײ יאָר, װי זי דערלאַנגט זײ אַזוי װײטיקלעך־שײן צו מײנע ליפּן. איך האָב דערבײ הנאה אַ פּיר צו טאָן מיט דער האַנט איבער איר צאַרטן אָרעם. פון עלנבויגן העכער אַרויף, צום נאַקן, אַ װיש טאָן, װי אײנער װישט אָפּ דעם שטויב פון אַ פּאָר לירטער זאַך, פון אַ שפּיגל.

קנאַפּע צװײ יאָר טראָגט זי מיר אונטער איר צניעותדיקע שײנקײט, די װוילגעכאָװעטע, אין קלײדלעך איבער די קני, אין געפּאַסטע הויזן, אין ספּודניצעס, אין בלוזקעס פון טריקאָ און באַטיסט. צװײ לעבעדיקע שלאַנגען, אײנגעדרײטע, װאַרפן זיך דאָרטן. איך פאַרגין זיך קוים מיט די אויגן אויסצוקושן איר שײנקײט די שטילע, די רעגנדיקע. מיט די אויגן טו איך זי אויס.

איך לײג אַ מאָל צו פּנים צו פּנים. שמעק אין זיך אַרײן דעם ריח דעם פרישן פון דער יונגער מירה: סאַברע, טערפּקע־זיסלעכער, װאָס פרילינגט דאָ אויף דער ערד צװײ און צװאַנציק פרילינגס.

אַן אויסגעצערטלטע, צײטיקע, װעט זי „פון זיך אַלײן" אַרײנפאַלן אין מײנע אָרעמס — האָב איך געטראַכט, איך האָב

געדולדיק געוואַרט. אַ פּאַרכישופטער פון ריח דעם רייפן, האָב איך אין איר אַריינגערעדט:

„דאָס לעבן איז שיין. דער טיפער, העכערער זין פון דער שיינקייט, דער מעטאַפיזישער, איז פון גאָט אַליין צוגעטיילט דעם מענטש. דער בן־אָדם, ס׳גרויסע בלאָנדזשענדיקע קינד אויף גאָטס וועגן ווייסט ווי אַזוי אַראָפּנידערן די קאָסמישע פריידי צו דער הנאה פון שימחת־בשרים: דאָס ערדישע דערהייבן צו הימלישער מדרגה.״

זי האָט זיך איינגעהאָרכט. געשמייכלט.

איך בין זיכער געווען, אַז מיינע רייד — ווי זי פלעגט זאָגן — זענען מוזיק צו אירע אויערן.

האָב איך געצויגן דאָס סטרונעלע:

„אויך אין דער פונקציע פון מזווג זיין זיך איז פאַראַן מוזיק. עקסטאַז. געזעגנג פון גוף און נשמה. נאָך מער: דווקא דער מרחק צווישן ער און זי איז מגביר דעם כוח פון דער „מוזיק״. די ווייטקייט — רעגט. אַ שטייגער, די זון — וואָס העכער אַלץ הייסער. דער חלל איז די אַקס, די לופטיקע, פון דער וועלט פון ליבשאַפט. אויף איר, אויף דער „אַקס״, דרייט זיך ס׳מעכטיקע ראָד פון בלוט און באַגער.״

מירה האָט געשוויגן. געשמייכלט.

אַזוי, זאָגט זי, האָט זי ליב אויך ביים קלאַוויר: שווייגן און שמייכלען. שעהען לאַנג זיצט זי אין שטוב נאָך דער אַרבעט ביים קלאַוויר. מאָצאַרט, סעבאַסטיאַן באַך, שאָפּען, בעטהאָווען. אַמיינסטן איז זי פאַרליבט אין בעטהאָווען. זיין שטורעם, זיין ווילדע שיינקייט טרייסלט זי אויף. מאַכט קראַנק.

— קראַנק פון ליבע?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. געשמייכלט.

דעם באַטייט פון איר שוויַגן, דעם צוק פון אירע סענסי־טיווע ליפּן — האָב איך ערשט שפּעטער פאַרשטאַנען. שפּעט פאַרשטאַנען. יענע וואָך איז עס געשען. איך בין געגאַנגען צום ים אין אַזעלכע שעהען, ווען כ׳גיי קיין מאָל נישט נאָך מיטאָג.

גלייך נאָכן שליסן ס׳ביוראָ בין איך געגאַנגען צום ים. עפּעס אַ געהיימער כח האָט מיך אַהין געטריבן.

2

אַ יונגינקע, אַ גרינינקע, אַ דינאַמישע. שמאָלע טאַליע. שיינע פיס. אַ פּנימל — גלייך איר הויט איז אַן אַבאַזשור און פון אינעווייניק שלאָגט אַ העל־ראָזע ליכטיקייט. אַז זי עפנט ס׳מויל, רעדט — שטראַלט אַרויס די העלקייט.

יונג און גרינג איז אַרום איר די לופט און אַלץ צו וואָס זי רירט זיך צו. אַ פאַרביקייט פון אַ גרינלעך־גאָלדענער בין, אַ זשומענדיקער, טראָגט זי אַן מיטן אַריינקומען, מיטן צוזעצן זיך צום שרייבטיש. מיט איר אויפהייבן זיך, אונטערשטיין אַ ווײַלע נעבן מיר אויף פיס, וואָס קענען נישט איינשטיין אויף אַן אָרט. אַזאַ באַוועגלעכע, גוטע אומגעדולדיקייט.

דאַכט זיך, אַז אויך אין די פּאַפּירן, אין די שטויביקע פּנקסים, טעטשקעס אויף דער פּאָליצקע, טראָגט זי אַריין חיות.

אַן אַראָמאַט פון אַ בלום, אַ צעפּעכערטער, בלייבט הענגען אין דער לופטיקייט.

זי איז יונג און קלוג, מירה. דער חסרון אירער איז ס׳מיינען, אַז עצם יונג זיין איז אַ מעלה, וואָס פּילט אויס דעם חלל פון ווייניק וויסן: דאָס פעלן פון נסיון. אַ מעלה, וואָס איז מכפּר אויף חוצפּה, תמימות, גאווה.

אין דער פּרי.

אַ הייסער זומערטאָג. יוני. אין דעם חודש פון פּסח ביז שבועות יאָגן אָן פון ערגעץ מידבר־ווינטן. אַ שווערע, דזשנע אַויר. ס'טרעפט, אַז די ווינטן שטעלן זיך פּלוצעם אָפּ. אַ היץ אַ חאַמסיניקע פּילט אָן דעם חדר. כ'פאַרמאַך ס'פענצטער. אין דרויסן — אַ הימל קופּער־געלב און בלייִק. קיין זון זעט מען נישט. בוים און בלאַט טוען זיך גישט קיין ריר. זעען אויס ווי אין די גאָבעלינען.

כ'וואָלט היינט באַדאַרפט צוכאַפּן זיך צום ים — האָב איך געטראַכט.

מירה איז אַריינגעקומען מיט אַ צעשמייכלטן „בוקר־טוב". מיט אַ קאָפּשאָקל, וואָס וויל פרעגן:

„ווי געפעלט אייך דער טאָג היינט, אדון?"

כאָטש איר אָנקומען, איר קאָפּשאָקל איז אַ טאָג־טעגלעכקייט, ווערט עס אָבער איטלעכס מאָל געטאָן מיט אַ נייִקייט אין באַוועג, אין שמייכל, אין קלאַנג פון אירע צעזונגענע טריטלעך.

יעדן טאָג אַזוי. וואָכן. אַ זומער. אַ ווינטער. ס'צווייטע יאָר. אַוודאי שפּירט זי, מירה, די בליקן פון מענער: בליקן פון באַווונדערונג. זי ענטפערט אַפילו מיט קיין קוק נישט — זאָגט זי מיר. פון איר שמייכעלע דעם קלוגן, פאַרשעמטן לייענסטו דעם ענטפער:

„הולך לי."

יאָ, ס'גייט איר. זי האָט הצלחה. בחורים. מענער, יונגע און עלטערע, דרייען זיך אַרום איר. מירה ווייסט, אַז איר פאַרבייגיי איז פול מיט צוזאָגן. זאָגט צו אַ סך און — גיט גאָרנישט. זי האָט דערפון פאַרגעניגן. אַ פאַרגעניגן נושא־חן זיין אין די אויגן פון

אַ סך. אויך פון די מענער, וואָס זענען ווייט פון געפעלן איר.

— צי בין איך נישט איינער פון זיי?

— ניין, איר זענט עפּעס אַנדערש.

— איז וואָס, אַז איך בין „עפּעס אַנדערש"?

— פּרוּווט נישט לייקענען. ס'לייקענען מסרט.

יונג, אומדערפאַרן, דאַכט זיך, און שוין אַזוי בולט די סגולה: שפּירן אין פּנים פון אַ מאַן, אין צוק פון זיין ליפּ, דאָס וואָס ס'טוט זיך ביי אים אינעווייניק.

ס'איז איר באַקוועם מיט מיר — האָט זי איין מאָל געזאָגט. זי שפּירט צו מיר נאָענטקייט, ווי צו אַ טאַטן און אַ פרעמדקייט, וואָס וועקט פאַרערונג און נייגער. אין מיינע רייד, די אָפנהאַרציקע, בלייבט עפּעס נישט־דערזאָגטס. אַ סוד. ס'ציט איר צום סוד, ווי ס'ציט אַ בלאָנדזשענדיקן אין וואַלד צו אַ ווייטן ליכטפּונקט.

מיינע בליקן, באַוועגונגען — זאָגט זי — רופן אַרויס ביי איר אַ רצון תמיד צו זיין ניי, אָריגינעל, נישט ווייניקער, ווי ס'רופן אַרויס די רייד פון יונגע בחורים, וואָס „שטאַרבן פון ליבע" און שטייען אויף תחית־המתים, כדי פאַר אַנדערע זיך דערקלערן „אין אייביקער ליבע".

איר ציט גראָד צו עלטערע מענער.

3

אַ בענקשאַפט אַן אַלטע האָט זי אויפגעוועקט אין מיר, מירה. דרייסיק יאָר זינט דעמאָלט, פאַרטונקלט דאָס געשטאַלט אין מיין געדעכעניש האָט דער שטויב פון צייט — אָבער נישט אָפּגעמעקט. אויך די שכחה האָט אַ זכרון.

„דיין שמייכל, מירה, האָט ווי אַ האַנט, וואָס ווישט אָפּ דעם שטויב פון אַ שפּיגל, אויפגעלעבט אין מיר אַ געשטאַלט — נחמה".

דו האָסט מיך יינגער געמאַכט. צוריקגעגעבן די פאַרשעמט־קייט פון אַן איינאונצוואַנציק־יאָריקן בחור. כ'שעם זיך פאַר מיינע מחשבות.

פריינטשאַפט? פריינטשאַפט פלוס — האָט זי מיר איין מאָל געזאָגט מירה. ניין. כ'האָב נישט דערזיף קיין נאָמען.

האָב איך דאָך דער ערשטער דאָס וואָרט „ליבע" אַריינגע־שמוגלט אין אונדזערע שמועסן, די נישט־דערשמועסטע.

„אַן איינזאַמער וואַנדערער אין מידבר פון לעבן. מיט דאַרשטיקע אויגן טרינק איך די שיינקייט פון גרינעם אַאַזיס."

מירה האָט מיט אַ קלוג שמייכעלע פון אַ מיידל־פרוי די ווערטער געשלונגען. זי שלינגט אַ הונגעריקע מיינע ווערטער. אַ גוטע אָפּנעמערין פון מיינע רייד. זי גלייבט אין מיר. אין מיין וויסן. אין מיין געוויסנהאַפטיקייט. איך בין אַן אינטערע־סאַנטער מאַן. „מאַן" האָט זי געזאָגט און נישט „מענטש"? עטלעכע מאָל האָב איך דאָס וואָרט איבערגעקייט. פאַרדייען געוואָלט.

„גבר מעניין".

ווי אַ ווינטל, אַ פרילינגדיקס, האָבן די צוויי ווערטער אויף מיר אַ ווייע געטאָן.

נישט קיין פרילינגווינטל — אַ שפּעטער זומער־רעגן ביסטו, מירה. אַ לעצטער רעגן אויף אַן אָפּגעשרפּעט פעלד.

— איך האָב דיך ליב, ווי אַ קינד.

— ניין. אַ מורה־דרך, אַ דערציער — האָט זי אויסגעבבע־סערט.

— אַ דערציִער איז דאָך אויך, קודם־כּל, אַ מענטש. האָלטסטו דען, אַז איך בין פֿריי פֿון מענטשלעכע שוואַכקייטן, מירה?

— איר זענט גענוג קלוג דאָס אַליין צו וויסן.

— איך וויל אויך, אַז דו זאָלסט עס וויסן.

— אויף צו דעם דאַרפֿט איר נישט מיין הסכּמה.

— וואָס זשע ביסטו מיינס, מירה?

— אַ שילערין.

— נישט מער?

— מער איז דאָך אַ סתירה צו אייערע רייד: צו אייער התנהגות. מער איז דאָך דאָס, וואָס איר ווילט אַזוי פֿאַרלייקענען.

— דו פֿאַרשטייסט מיך נישט, מירה.

— איך פֿאַרשטיי אייך גראָד זייער גוט.

— טוסט מיר ווי מיט דיין פּיקחות, מיט דיין תּמימות.

— פּיקחות? תּמימות? גוזמה: איך בין, סך־הכּל... וואָס בין איך קעגן אייך? אַ פֿלאַטערל. אַ פֿלאַטערל, וואָס ציט צום ליכט.

— אַ קינד ביסטו, וואָס שפּילט זיך מיטן „פֿלאַטערל". פֿון פֿאַרגעניגן און פֿון נייגער — רייסטו פֿון פֿלאַטערל אָפּ די פֿליגעלעך...

4

פֿאַרמאַכט דאָס ביוראָ מיט אַ שעה פֿריער און אָוועק צום ים.

אַ מאַן שטייט אויפֿן זאַמד ביים ברעג ים. ווייט פֿון אַלע שטייט ער. גראָער קאָפּ. ברוינע קראָקאָדיל־לעדער איז זיין קאַרק דער געקנייטשטער. פּנים־אל־פּנים צו זונפֿאַרגאַנג שטייט ער. אַן אַלטער מאַן אין ברייטלעכע באָדהייזלעך. ער מאַכט גימנאַסטיק. פֿאַרהייבט די הענט אין דער הייך. צעגנעמט זיי אין דער

ברייט. נייגט זיך. בייגט זיך. אָט לייגט ער צונויף די הענט ווי צו אַ תפילה, בייגט זיך טיף אַראָפּ. אַרויף און אַראָפּ. עטלעכע מאָל אַזוי. אַ תפילה צום לעבן, צום גאָט פון געזונט. צום גאָט פון דער יונגשאַפט: זיין יונגשאַפט, וואָס איז אַוודאי אַ יאָר פופציק הינטער אים.

אויך דער ים איז ווי אַן אָפענער תפילה־סידור. אַ נישט־אויסגעדאַווענטע תפילה גייט אויף הערשאַַיש־שיין, רוישיק, צום רויטן זונפאַרגאַנג. צום הימל דעם מעכטיקן, פאַרנעמיקן. אַ רחבותדיק ים־געזאַנג צו כבוד אלוהים.

דאָס זאַמד אויפן ברעג ים איז הייס. כ׳בין עטלעכע מאָל אַריין אין וואַסער. אָפּגעטוקט זיך. אַדורכגענומען פון ברויזיקע כוואַליעס האָט מיין גוף, אַ צעוואַרעמטער פון קליידער, וואָס ער טראָגט אויף זיך רוב חדשים פון יאָר — אַן אָטעם געטאָן מיט פאַרנאַכטיקן ים־ווינטל. מיט פאַרמאַכטע אויגן בין איך געלעגן אויפן זאַמד. וואַרעם זאַמד, ווי די וואַרעמקייט פון אַ מאַמעס בויך. בויך צו „בויך" בין איך געלעגן. ווי אַ קינד פיל איך זיך אין די רגעס. אַ זויגקינד ביי מאַמעס ברוסט. ברייט און טיף אָטעם איך די זוניקע לופט, דעם ריח און דעם גערויש פון ים.

דערווייטערט ליג איך אויף אַ זאַמדבערגל. נידעריקער, ווייטער זע איך בחורים אין קאָליריקע מיני־הייזלעך. מיידלעך אין ביקיני. יונגע, נייע פנימער. ווי אַ פעלד מיט בלומען קומט עס מיר אויס פון דער הייך. אַ בלומענפעלד מיט בלאָנדע, שוואַרצע קעפּלעך. „שטענגלעך" יונגע, געוויקסיקע, שטאַלטנע. שלאַנקע בחורים און מיידלעך. דאָס ווינטל פון ים — ווי עס וואָלט באַוועגט די שטאָלצע שיינע קעפּ. יונגער טאָג נייגט זיין בלאָנדן קאָפּ אין שויס פון פאַרנאַכט.

די זון פאַרגייט. צינאָבער־רויט איז איר מעכטיקער קאָפּ. ער

טוקט זיך אין ים, אַזש אַ ליכטזייל, אַ זילבער־זוניקער, שלאָגט אויף זיין אויבערפלאַך אַרויס. טיף־גרין, ווי גלאָז, איז דער ים־דעק. גלאַנציק־געקנייטשט גלאָז.

נישט איין זונפאַרגאַנג האָב איך געזען. תמיד איז ער ניי באַ־פאַרבן. אַן אייביקע אַלט־יונגע שפּיל פון ליכט און שאָטן. אַ מאַ־זאַיִק. ליניעס און פיגורן, וואָס קיין שום מייסטערהאַנט איז נישט מסוגל מיט אַזוי פיל קראַפט, קאָלאָריט און נייקייט אַרויסברענגען.

ווי אַ שפּירהונט בין איך אויפן זאַמד געלעגן. אַ שפּירהונט געטראָפן פון אַ קויל.

און מיינע אויגן ציען צום אָפּגרונט:

מירה ווייסט מסתמא, אַז כ׳בין דאָ. נאָר איך וויל אַצינד זיין אַ רואה ואינו נראה. עלטער איז נישט קיין בושה. ווייזן זיך אין מיין פלאַזש־ליבוש איז אויך נישט קיין גרויסע חכמה: געפּאַלדעוועטער בויך. דאָס ברוסטפלייש — אַראָפּהענגענדיק, קנייטשיק. ביי‌ניקע, דינע פיס, באַאָדערטע. לויזע מוסקלען. געבויגענער רוקן. איין אַקסל עטוואָס נידעריקער פון זיצן איבערן שרייבטיש.

ס׳אָנטאָן, וואָס איז נישט קיין סך יינגער פון מענטש — איז גאָרנישט קיין שלעכטע מענטשלעכע המצאה — האָב איך זיך געטראַכט.

אָ, וואָס טוען איצט זיינע הענט? אין וועמעס הענט האָסטו מפקיר געווען דיין גוף דעם קליינעם, דעם ריינעם? די שקאָטולקע? אַ קליינע שקאָטולקע און אין איר — אַ גרויסע נשמה.

מירה.

אין אַלע זיבן הימלען פון העברער פרייד — האָב איך געזוכט די שליסלען צו דער שקאָטולקע. און ער, דער פישעריונג מיט ווענדקע אויף אַקסל, מיט נעץ אין די הענט — האָט דעם שליסל געפונען. אויף דער ערד האָט ער אים געפונען. ער האָט מיט זיין

גן־עדן־שליסל צו דער שקאַטולקע געטראָפן — דאָ אויפן ברעג ים. אַריינגעריסן זיך אין פּאַלאַץ פון וואונדער און ווײ. אין מירהס פּאַלאַץ דעם פאַרשלאָסענעם.

ניין. זי האָט אים געפונען. די בענקשאַפט, די בלינדע, בלאָנדזשענדיקע, פון דער זי האָט צום ער געטראָפן.

גראַוויטאַציע.

חלל־אַקס לופטיקע פון דער וועלט: וועלט פון ליבע, פון ע ר און ז י.

עטלעכע צענדליק מעטער פון מיר ליגט זי, מירה. ליגט נעבן אים. אין אים ליגט זי.

אַ זינדיקע.

אַ זינקענדיקע.

אַ זינגענדיקע.

זיינע הענט, די הפקרדיקע, די געשפּאַנטע מוסקולן שפּילן אַצינד אויס אויף די קלאַווישן פון איר ווייסן הייסן מידללייב די נישט־פאַרענדיקטע סימפאָניע.

דו, מירה, ביסט אַצינד דאָס בלאָט נאָטן. ער — דער מייסטער, דער גיבור. דער קלאַנגען־פּראָמעטעוס.

מירה — ווייסער, שרפענדיקער שניי. פרישער, ערשט־געפאַלענער שניי אויפן הייסן זאַמד. ער — דער ים, אַ געלאַדענער מיט שטורעם און מיט שוים.

איז זי טאַקע אַוועק פון מיר אויף תמיד? אַנטלאָפן פון מיר, פון מיינע רייד, ווי אַן אינדיין, אַן איבערגעשראָקענע פון וואַלד אַרויס: פון מיין ווערטערוואַלד? פרום־פּאַרכטיק גערייד, שטאַמלעניש.

שטאַמלעניש. קלאַנגען פאַרבלאָזע, אומקלאָרע, ווי פאַרבלאָז אומקלאָר ס'איז פאַר איר מיין פנים, דאָס אַלט־יונגע. מיין פנים מיט די נייגעריקע אויגן, די אומרויִקע. אַרום זיי — קנייטשלעך:

אַן אומבאַקאַנטע שריפֿט פֿון אַ װעלט אַן אָפּגעמעקטער, אַ געװעזענער. אַן אַנדער װעלט, אַ דאַרטיקע, װאָס האָט מיט מירהס װעלט, דער דאָיִקער, קײן שײַכות נישט.

נײן. זי איז נישט אַװעק פֿון מיר. מאָרגן װעט זי װידער קומען אין ביוראָ, זעצן זיך צו דער שרײַבמאַשין. אירע אײדעלע, צאַרטע פֿינגער װעלן װידער לױפֿן איבער די שװאַרצע קנעפּלעך מיט װײַסע אותיות. נאָך דעם װעט זי מיט די קלײנע עלנבױגנס זיך אָנשפּאַרן אָן טישל. אױף בײדע הענטלעך, צונױפֿגעפּלאָכטענע, מיט די דלאָניעס אַראָפּ — אַװעקלײגן ס'פּנימל אַזױ, אַז די גאָמבקע און די אײגעלעך װעלן פֿרעגן:

— װאָס איז דיר, אדון, אַ שלעכטע שטימונג?

איך װעל פּרוּװן שמײכלען. אַ בײז פּנים מאַכט עלטער. בײַ עלטערע מענטשן ציטערן די הענט. דער טראָט װערט שװערער. די פֿיס טראָגן דיך קוים. נײן. דו טראָגסט די פֿיס. שלעפּסט זײ נאָענט פֿון דער ערד. װילסט אױסבאַהאַלטן דעם פּחד. שמײכלסט. דער פֿאַרגיביקער, שולדיקער שמײכל — מסרט.

מירה האָט דאָס נישט ליב. זי האָט אַ ברירה זיך אױפֿצוהײבן און אַװעקגײן. פֿון יוצא װעגן צװואָרפֿן:

„איר קענט זיך זוכן אַן אַנדער סעקרעטאַרין".

די אַרבעט איז איר נישט נײטיק. אָפּט, קאָן מען זאָגן, איבעריק. די אמא האָט — חזרט זי תמיד איבער, — אמא האָט, װאָס אַן אמת, געװאָלט זי זאָל זיך פֿאַרשרײַבן אין אוניװערסיטעט. אַ טאָכטער אַ סטודענטין איז אַװדאי שענער, װי אַ פּקידה בײַ עפּעס אַן אַדװאָקאַט. נאָר אײדער זיצן אַ גאַנצן טאָג בײַם קלאַװיר איז שױן בעסער אַרבעטן. זי האָט טאַקע אָנגעהױבן סתם אַזױ, אױף פּראָבע.

נו, אַז מען זיצט שױן באַלד צװײ יאָר גײט זיך נישט אַזױ גיך

אַוועק. צוגעווינט זיך צו אַ געהאַלט, יום־טוב־צולאָגן, דרייצנטער חודש און סתם הוספות.

אויך צו מיר, אַ פּנים, זיך צוגעווינט. פון געוויינטשאַפט זיצט זי דאָ. און דאָס איז עס.

זי זאָגט עס דאָך אַזוי אָפּט:

„פשוט. ס'איז מיר באַקוועם מיט אייך, אדון".

„אייערע רייד זענען מוזיק צו מיינע אויערן."

אָפּט ברוגזט זי זיך אויף מיר. אויף מיין צודרינגלעכקייט. אַ צער כאַפּט מיך דעמאָלט אַרום. אַ רחמנות אויף זיך אַליין. אַ רחמנות ביז טרערן. ס'ווײנט אין מיר דאָס האַרץ, ס'יונגע:

— דו ביסט אַלט. דו דאַרפסט גיין.

אַ צעפּרעסענער פון חרטה און פון קינאה בין איך אויפן זאַמד געלעגן. עטלעכע צענדליק מעטער פון מיר איז זי געלעגן אין די אָרעמס פון יונג. זי — אין אַ ביקיני, ער — אין באַדהייזלעך, וואָס דעקן אָפּ מער וויפל זיי פאַרשטעלן. איבער ביידע — אַ פאַרביי־גייענדיקע זון. אַ רויטע חופה.

שווידערלעך שיין און שטיל איז געווען דער ים. כהרף־עין איז די זון פאַרגאַנגען. נאָך אַ טאָג פון מיינע טעג. אַ טאָג פון מיין לעבן — זאַט מיט אַנטוישונגען, פּחדים. די לעצטע גיהנום־יאָרן האָבן פאַרהאַרטעוועט מיין גוף. רחמנותדיק־סענטימענטאַל פאַרווייכערט מיין האַרץ. דאָס פייער האָט אויסגעברייטערט מיין תמיד יונג האַרץ, דאָס פאַרבענקטע נאָך עפּעס אַ דאַיִק־נישטאַיקס: ליבשאַפט.

אין די־אַ לעצטע מינוטן, די זוניק־פינצטערע, אויפן ברעג ים איז מיר מוראדיק קלאָר געוואָרן דער באַטייט פון מירהס שמיי־כעלע. איר קלוג שווייגן. איר קלוג און קאַלט שווייגן און — מיינע רייד. נאַרישע רייד פון אַן עלטערן מענטש: אַן אַלטער

שלמה וואַרזאַגער

מאַן, אַ פֿאַרליבטער נאַר.

אַן עלטערער. אַ באַווייבטער. אַ טאַטע פֿון אַ דערוואַקסענעם בחור. „אַזוי ווי צו זיבן — אַזוי צו זיבעציק."

# קאַפּיטל צוויי

## 1

אַ באַווייבטער. אַ טאַטע פון אַ קינד, אַ דריי־חדשימדיקס. ס׳האָט געמוזט געבוירן ווערן. סיידן — איבערלאָזן עטלען. לאָזן איר מיטן קבר אין הארץ? סיביר. געראַטעוועט זיך אַהער מיט אַ געבוירלינג און דאָ — אויסגעביטן עס אויף אַ בערגעלע ערד אונ־טערן שניי.

ווינטער. ניינצן איין און פערציק. אויף אַ שליטן, אין אַ קישן פאַרוויקלט, האָט מען דאָס קראַנקע קינד געפירט אין שפּיטאָל אַריין פון קרייזשטאָט — העכער צוואַנציק וויאָרסט פון פאַר־סיאָלעק.

מער האָב איך דאָס קינד נישט געזען.

כ׳האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן אַדוואָקאַטן־דיפּלאָם און מיט אַ טאָגבוך.

אַריינגעשריבן אַ ניי בלעטל:

„גאָט, האָסט דאָס הייליקע בוך פון אַ לעבן פאַרשלאָסן איידער האָסט עס געעפנט. איידער דו האָסט דעם „כי־טוב״ געזאָגט איז דער „יהי־אור״ פאַרלאָשן געוואָרן.

ווען אַ ברויט, אַ שוואַרץ ברויט, האָט פאַרשטעלט דאָס ליכט פון טאָג — האָבן מילכשנירלעך זוניקע פון מאַמעס בריסטן — געזיסט דעם גומען פון הונגעריקן געבוירלינג: דאָס אָרעמע, פּויערישע כאַטקעלע באַלויכטן.

ווען אָטעם פון טויט האָט געלאָשן דיינע שטערן, האָט אַ קינד — אַ שטערן — אַראָפּגעשיינט מיט שטראַלנדיקער רו פון טאַטנס הענט. מיינע הענט. זיי זענען הענגען געבליבן — שווערע, בלינדע. נישטאָ ביי וועמען זיך אָנהאַלטן אין דער נאַכט, דער לאַנגער.

דער שאָטן פון טויט מאַכט טיפער, קאַלטער דעם ווייסן נעפּל אין די שויבן. ער מאַכט פרירן דאָס בלוט אין די אָדערן. נישטאָ קיין האָפענונג. נישטאָ קיין פאַרבייט. וואָס האָב איך נאָך צו טאָן דאָ? איך, אַ פאַרצוקטער אין די צייך פון שוואַרצע שעהען?

די בדידות האָט ווי אַ טונקעלער פאַרהאַנג זיך אַראָפּגעלאָזט צווישן מיר און עטלען. אַ תהום.

עטלען איז זיכער פאַרגעקומען, אַז איבערן תהום שוועבט אַ רויבפויגל — נחמה.

דער קבר פון קינד — איז מיין קבר, האָט זי איין מאָל אַ זאָג געטאָן.

עטל דרייט זיך אין שטוב מיט אַן איינגעפאַלן פנים. פאַר־שרויפטע ליפּן. אַ שמייכעלע, אַ פאַרשולדיקטס. איר „פּאַיאַק" — דריי הונדערט גראַם ברויט — איז נישט געריררט. ער ליגט פאַר־וויקלט אין אַ האַנטעכל. זי באַגנוגנט זיך מיט אַ ביסל הירזש מיט געזאַלצן וואַסער, אַ טעפּעלע טיי.

שווער איז איר שלאָף. זי אָטעמט הויך און כאַפּט זיך אָפּט איבער מיט אַ געשריי: „נעם אים צו פון דאַנען! יאָג אים אַרויס!"

„וועמען?"

„דעם מלאך־המוות."

איר קאָפּ פאַלט צוריק. פאַרשלאָפענע הענט פּאַכען אין דער לופטן, ווי זיי ווילן פון זיך עמעצן אָפּיאָגן.

אומרויִקע, אומגליקלעכע עטל.

איך בין געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט. געמאַכט לעקציעס — רוסיש. אָנשטאָט ברויט — אָונטקורסן. מען האָט געלעבט אויף ברויטביכלעך — טאַלאָנען וואָס מען טיילט יעדן ערשטן.

אַן אויסגעשניטענער טאַלאָן איז אַ דאַטע, אַ טאָג לעבן. אַ טאַלאָנען־ביכל — אַ קאַלענדאַר. אַרויסרייסן אַ בלעטל פון אַ לוח פאַרגעסט מען אַ מאָל. אַ טאַלאָן — נישט. זי האָט גוטע אויגן, די ברויט־צעטיילערין. שנײַדט די טאַלאָנען. לאָזט איבער פּירקאַנטיקע פענצטערלעך. דורך די קליינטשיקע פענצטערלעך פון די פעלנדיקע טאַלאָנען האָט מען געזען דעם מאָרגנדיקן טאָג, דעם איבערמאָרגן: אַ וואָך. אַ חודש.

מיט די קאָליריקע געשטעמפּלטע כישוף־קאַרטעלעך, מיט דריי און פיר הונדערט גראַם ברויט איז געגאַנגען די צייט. מען האָט געפילט דעם גאַנג, דעם פּולס פון לעבן. געפילט ווי דאָס לויפן פון אַ באַן. דו זיצסט אינעווייניק און קוקסט דורך די „פענצטערלעך״. די „באַן״ שלעפּט זיך — טאָג־איין, טאָג־אויס — פון איין „סטאַנ־ציע״ צו דער צווייטער: וואָס ווייטער — אַלץ פּאַמעלעכער. און דו ווערסט אומרויִק, אומגעדולדיק. אויסגעמאַטערט פון טאָג צו טאָג. און מען זעט נאָך אַלץ נישט קיין „סוף־סטאַנציע״. צום טיוּול אַזאַ „נסיעה״ — ווילט זיך אַ שפּיי טאָן. אַ סטאַנציע, אָדער אַ צוזאַמענשטויס.

און אַ סוף זאָל עס נעמען.

אָנהייב ניינצן צוויי און פערציק. שווערע חדשים דאָ — מערץ, אַפּריל. אַ שטייפער, אַ האַרבער, ווי אין בלויע ליילעכער געוויקלט, שפּאַנט דער פראָסט איבער שנייִקע וועגן, איבער דעכער פון נידעריקע כאַטעס. אין די אינדערפריִען און פאַר־נאַכטן ציִנדן זיך די פענצטערלעך ווי וועלפישע אייגעלעך. ביי

טאָג זעט די זון דאָ אויס, ווי איינגעפרוירן אין שנייִיקן הימל. פון די ווייסע פעלדער גייט אויף אַ ווייטיקלעכער בלענד.

ס׳טרעפט מעת־לעתן, אַ שניי שיט און שיט. די פערד שטעלן שווער די פיס. די בייכער — נידעריק איבערן שניי. פון האַרבער קעלט ניסן זיי, די פערד, פאַרסקען מיט די נאָזדרעס. אין די שליטנס האָרבען זיך פלייצעס באַקאָזשוכטע. קוטשמעס. פוטערנע היטלען מיט אויערן־קלאַפּעס.

עטלעכע הונדערט נפשות ציילט דאָס דאָרף. ביז זונפאַרגאַנג זענען די מענער ביי דער אַרבעט. אויך די פויערטעס זענען באַ־שעפטיקט אויסער די שטובן.

אין די אָונטן פינקלען פייערלעך אין די פאַרפראָסטיקטע שייבלעך, ווי ווייטע, פאַרנעפלטע שטערן. זיי לעשן זיך פרי. פרי גייט מען דאָ שלאָפן.

איך האָב געאַרבעט אין אַ פּאַפּיר־פאַבריק.

דאָס דינע שמאַלצהייטל אויף די שוואַרצע פענעצלעך ברויט אין טאָרבעלע האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם דרוק פון פראָסט. אַן ווייקן דאָס שטייניק האַרטע ברויט אין קיפּיאַטאָק*), וואָס איז אין פאַבריק געווען אָן אַן אָטשערעד — אָדער האַלטן ס׳ברויט איבערן פייער — האָט מען עס נישט געקענט נעמען אין מויל אַריין.

2

די בדידות האָט ווי אַ קאַץ — אַ פוילע, שלעפעריקע — זיך געשאַרט צווישן ביידע. די ווייניקע שעהען די פרייע, זענען גע־וואָרן צו לאַנג. לאַנג זענען געווען די נעכט.

עטל האָט איבערגעריסן ס׳שווייגעניש:

---

*) הייס, געקאָכט וואַסער.

— קנאַפּע פיר יאָר לעב איך מיט דיר. כ'האָב דאָס געפיל פון איינער, וואָס קומט אַריין פון אַ קאַלטן דרויסן אין אַ וואַר־רעמער שטוב. איך זע נישט דאָס פייער. ווייס נישט פון וואַנען די וואַרעמקייט נעמט זיך. און כ'שפיר פונדעסטוועגן, אַז ס'איז מיר גוט מיט דיר.

— נו, איז דאָך גוט.

— און פאַר וואָס קען איך נישט אויפכאַפּן דעם מיין פון דיינע רייד? פון דיין שוויגן?

קיין ענטפער איז נישט געקומען. און עטל האָט ווייטער גערעדט:

— דער סוד, די פאַרהוילנקייט, וואָס הינטער דיינע ווער־טער, דיין שוויגן, שטעקט מיך אָן מיט נייגער אזן מיט אומרו.

עטלס שטילע רייד, די ווייכע, זעבען ווי שנייעלעך געפאַלן: שנייעלעך מיט פרירנדיקער קעלט.

איך האָב געקוקט אויף מיין ווייב מיט אַן ערשטמאָליקן קוק:

אַ ברונעט פנים. רעגלמעסיקע שטריכן. אַ ווייסער צאַרטער האַלדז. פאַררונדיקטע אַקסלען. אַ שיינע. אַ גוטע פשוטע פרוי.

און איך בין נישט קיין שותף צו איר פרייד, צו איר צער.

ווי אַזוי האָט זיך דאָס שיין פשוט מיידל אַריינגעריסן אין מיין וועלט, דער פאַרשלאָסענער: זיך אַוועקגעשטעלט צווישן מיר און נחמהן — אַ גלעזערנע וואַנט.

ווער מאַכט אָט די מיידלעך אַזוי דערפינדעריש־קלוג: שטעקט זיי אָן מיט חכמה און ספריט פון אַ ים־טויכער: דערגרונטעוועז זיך צו די סאַמע טיפענישן פון אַ צעשטורעמט פאַרליבט האַרץ, קלויבן די פערל פון מאַנסבילשן שכל און — נישט מיר, נישט דיר — פאַרטאַכלעווען, אויפן מיסט וואַרפן, אין ים אַריין: אין ים פון לעבן.

# קאַפּיטל דריי

## 1

וואַרשע. אַ זעכצן־יאָריק יינגל. אויסגעזען פון אַ יאָר צוועלף, דרייצן. מיזערנע, שמאָלע פּלייצקעס. לאַנגע הענט. שאַרפע פּנים־שטריכן: ברייטע נאָז, עטוואָס פאַרריסן. סטאַרטשענדיקע קינען. הויכער שטערן — אַ ביסל צו הויך פאַר אַ יינגלש פּנים. אַ גראָב־לעכע, פאַרקאַטשעטע גאָממע.

אַ געניט אויג וואָלט אין דעם שטערן, אין די מאָנגאָלישע אויגנשניטן, אין מויל גראָבליפּיקן, מענערישן — געמערקט דאָס פאָרמירנדיקע, קערנדיקע פּנים פון אַן אונטערוואַקסנדיקן בחור: אַ יונגער מענטש מיט אַן אייגענעם אויסזען.

אין די אויגן פון מיין באַלעבאָס — אַן אַגענט פון אַ גרויס טייגעשעפט, — האָב איך אויסגעזען אַ לאַ־יוצלחדיק יינגל מיט לאַנגע, פאַרשעמטע הענט און אַ טשודאַטשנעם בליק.

אַ סברה, אַז צוליב די לאַנגע הענט האָט ער מיך צוגענומען אַלס אונטערטראַגער פון די טיי־וואַליזקעלעך.

ער, דער אַגענט, מיט איין וואַליזקעלע אין דער האַנט, און איך מיט זעקס (צוויי אונטער די אָרעמס און צו צוויי אין די הענט) — נאָך אים.

אַ געוויקסיקער, שטאַרקער, שיינער יונג. הויכע פיס און

הפקר־הענט. אַ פּנים פון אַ שגץ. אַ צונג — קולטיווירט, געשליפן, פרעך. אַ שחצנדיק לשון אין אַ גוטן לעמבערגער פּויליש.

מיט אַזאַ „גוטן" אויסזען, מיט צוגעאייגנטע, גוייִשע מאַנירן — ציניש און דרייסט — האָט ער אומגעשטערט געקענט דרייען זיך אויף די קריסטלעכע גאַסן. אָנקומען אין די רייכסטע געשעפטן, ביוראָען: אָפּגעשלאָסענע הייף. שטובן מיט סטרוזשן, הינט ביי די טויערן און טירן.

מיט אַ האַנט־תנועה, מיט אַ ווונק, אָדער אַ קורץ אָפּגעהאַקט פּייפן — האָט ער מיך גערופן: אַ צייכן — נאָכגיין.

מיין נאָמען האָט ער נישט געוווסט. נישט באַדאַרפט וויסן.

אין גאַר אַ נייטיקן פאַל האָט ער זיך אַרויסגעהאָלפן מיט אַ צונאָמען?

„פאַניע מאַלי"*

אין ביוראָ האָט מען אים גערופן סאַשאַ, אָדער „לעמבערגער". קאַנטיק צוליב זיין דרום־פּוילישן אַקצענט.

אַ רייך זינדל, וואָס האָט אַוודאי קיין גרויסן חשק נישט געהאַט צו זיצן אויף דער שולבאַנק: מיד געמאַכט דעם טאַטן פון צאָלן אים פאַר מאַכן די לעקציעס, אָפּקויפן די לערערס, פּראָפעסאָרן, פאַר גוטע „סטאָפּניעס" און — מאַטורע.

אַליין אויך, מסתמא, מיד געוואָרן פון מאריך זיין די „גאָלדענע יוגנט" ביז דער עלטער, ווען אויך גאָרנישט־טאָן ווערט אַ לאַסט: הייבט אָן וועקן אומהיימלעכע מחשבות. אַן עלטער, ווען אַ גלאַט ראַזירט פּנים, עלעגאַנטע קליידונג האַלט אויף אין די אייגענע און פרעמדע אויגן — דער עיקר אין די אויגן פון שיינעם מין — די אילוזיע פון יונגער מענלעכקייט.

---

*) קליינער הער.

אויך יונגע עלטער ווערט איבערגעוואַקסן.

די אייגנטימער פון דער טיי־געזעלשאַפט — פּיפּיקע סוחרים: יידיש־נגידיש געקליידט — האָבן גוט געוווּסט, ווי אַזוי צו רייטן אויף די „פּריצישע פערדלעך". די „פערדלעך" זענען גוט געגאַנ־גען אונטער דער בייטש פון געלט און לייכטע אַוואַנטורעס.

האַלב־אַסימילירטע יידן. געשוירענע בערדלעך. שניפּסן. קאַר־פּעלירשן. אַ גוטן פּויליש האָט מען אין ביוראָ געהערט. אָפט — העברעיִשע ווערטער און גאַנצע פּסוקים. באַנוצט האָט מען זיך מיט זיי בעת ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין דרינגענדיקע געלט־ענינים, פאַך־סודות, סוחרישע דריידלעך, וואָס די „שקצים", די אַגענטן, האָבן נישט באַדאַרפט וויסן.

דאָס גאַנצע עסק „טיי־געזעלשאַפט מיט באַגרענעצטער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט" איז געווען — סוד. פון די טאָוולנע רענצלעך, איבערגעצויגענע מיט קאַליקער, ביליקער צעראַטע, האָט מיט גרויסע אותיות אַראָפּגעשריגן: „זאַ פּול דאַרמאָ".*

דער „האַלב" — מיט קליינער, קוים באַמערקבאַרער שריפט: דער „אומזיסט" — מיט קידוש־לבנה־אותיות. אינעווייניק זענען געלעגן דריי פּושקעס טיי. האַלב־פולע טייפּושקעס פון געוויקלטן בלעך און אַן אָפּגעזילבערט טיילעפּעלע — אַ צולאָג.

די דאָזיקע „סחורה", וואָס ס׳איינציקע ווערטפולע דערפון איז דער שטאַרק שמעקעדיקער ריח — איז גוט רעקלאַמירט געוואָרן. דער „דאַרמאָ" האָט געריסן די אויגן פון די קונים — ס׳רוב דאַמען און דינסטן פון די רייכע שטובן. די געניטע אַגענטן האָבן געוווּסט ווען און ווי אַזוי אונטערטראָגן די מציאה מיט גלאַטיקער מויל־מלאכה, מיט שיינעם שמייכל, ווונק, צווייטייטיקן רמז.

---

*) פאַר האַלב־אומזיסט.

פלינק און גרינג האָבן זיי זיך אַריינבאַקומען אין די קאָרידאָרן, קיכן, אַפילו שלאָפצימערן.

איך האָב נישט איין מאָל אַריינגעלייגט אַ רעבצל דורך אַ פענצ־טער. אַ האַלבע שעה און מער פלעגט ער זיך זאַמען. אַרויסקומען מיט אַ צעפלאַמט פּנים. איך האָב דערווייל צייט געהאַט זיך אַרומצו־קוקן: גרינע גערטנדלעך. בלומענטעפּ אויף גאַניקעס. וואַזאַנעס אין די פענצטער. הינט ביי די אַריינגענג, אין די הייף. פעטע, שווערלייביקע הינט מיט קליינע אייגעלעך און געזונטע פּיסקעס — אָן און מיט ציימלעך. אויף קייטן און אָפּגעבונדענע. ליגן ביי די טירן און וואַרטשען בייז בעתן דערנענטערן זיך פון פרעמדע טריט.

אויך קליינע הינטעלעך אין קאָלירקע מאַנטעלעך, רימענד־לעך אויפן האַלדז. קודלעוואַטע און אַרומגעשוירענע, גלאַטיקע הינטלעך דינפּיסיקע, מיט צעפּיעשטשעטע מאָרדעטשקעס. נישט אָן פּחד, האָב איך געפּרוווט אַפּט גוטברודעריש אַ גלעט טאָן אַ הינטל. אויך צו די בייזע הינט זיך געלאַשטשעט און זיך געשראָקן פאַר זייער „חברשאַפט”.

איך האָב צייט געהאַט איינהערן זיך אין טענער פון אַ פּיאַנאָ, אַ פידעלע, וואָס האָבן זיך פון אָן אָפן פענצטער געטראָגן.

די יונגע פרויען, דינסטמיידלעך, וואָס האָבן זיך אָפּט באַוויזן אין פאָדערהויז, הויף — דאָס זאַמען זיך פון אַגענט אינעווייניק — האָט געצונדן מיין פאַנטאַזיע.

ער האָט נאָך דעם, אַ צעיאַכמעטער, פריילעכער, דערציילט מעשׂיות פון נקבות, באָרדעלן, אָרגיעס, סעקסועלע סצענעס. זיי האָבן ביי מיר אַרויסגערופן עקל און רייץ.

## 2

מײַן װאַרשע.

געװױנט אױף דער „שמאָלער מילע".* צװעלף זלאָטעס אַ חודש געצאָלט פֿאַר אַ האַלב בעט. דער שותּף צו דער צװײטער העלפֿט בעט איז געװען אַ מעבל־סטאָלער, דער הױכער ראובן.

שפּעט בײַ נאַכט איז ראובן געקומען פֿון דער אַרבעט. אַן אומגעװאַשענער אַרײַן אין בעט. ס'האָט פֿון אים געשלאָגן אַ ריח פֿון פּאָליטור, זעגעכץ, זשװיצע און געקאָכטן לאָם.

אַ טבע האָט ער געהאַט, ראובן, רעדן פֿון שלאָף און מאַכן מיט די הענט, אַ שטײגער — ער הובלט אַ סענקעװאַטע ברעט. דאָס מאַכן מיט די האַריקע הענט, געל־געפּלעקטע נעגל־פֿינגער — האָט מיך פֿאַרשטױסן אין אַ װינקל פֿון שמאָלן בעט.

צום סוף האָט די באַלעבאָסטע אונדז בײדן עקסמיסירט מחמת ראובן האָט נישט פּינקטלעך געצאָלט זײַן חלק „שכר־דירה."

צוריק אַהײם פֿאָרן ?

אַ זעקסטער צום טיש ? אַ צװײטער, אַ מאָל אַ דריטער — אין בעט ? װאָס װעל איך טאָן אין דער הײם. אַ קלײנע בעקערײ. עטלעכע הורט־קונים און אַ קרעמל אױפֿן מאַרק. די מאַמע איז די פֿאַרקױפֿערין פֿון די געבעקסן. אַ שטוב מיט קינדער. אַ בױדעם־שטוב אונטער אַ שינדלדאַך, אַ לעכערדיקן, אַלטן.

דער דרעװניאַק איז לאַנג, װי אַ באַן. אַ קױמען. שטענדיק גײט פֿון אים אַ רױך. ס'דאַכט זיך: אָט הערט מען אַ פֿײַף און די „באַן" נעמט זיך רירן.

די „באַן" שטײט אױף אַן אָרט. די קינדער װערן גרעסער און — פֿאָרן.

---

*) נאָמען פֿון אַ גאַס אין אַרבעטער־קװאַרטאַל.

וואַרשע — די מאַמע פון פּראָווינצער.

דאָ אַרבעט איך. שטודיר אויף יוריסט. לייען. לייען אַ סך און שרייב לידער: צערייס און שרייב.

ערב האַרבסט, ביינצן ביין און דרייסיק. אין די סעדער קרעכצןביימער אונטערן לאַסט פון רייפע פּירות. סטויגן היי אויף די פעלדער. תבואה אין די שפּייכלערס. ברויט, געבעקסן אין די שויפענצטער. איך הונגער אונטער. נישט פרעמד מיר דער טעם פון ביליקע עסנס אין גאַרקיכן, רעסטאָראַנען פאַר אַרבעטסלאָזע און אַרבעטער־אינטעליגענץ.

ביטערער טעם פון אומרייפע, בחורישע יאָרן. פרעמד.

כמאַרעס פאַרציען דעם פּוילישן הימל פון שיינעם „גאָלדענעם האַרבסט״. זאַרגלאָז, פאַרשווענדעריש לעבט די רייכע יוגנט, דער מיטלקלאַס, דער צופרידענער. שוויל און שפּע אויף רייכער פּוילישער גאַס.

בלינדע שינאה צו באָלשעוויק און ייד. אין די סוף־שעהען פון טעג, ביז שפּעטער נאַכט, אין די זונטיקס, פאַרברענגט מען אין די קאַפעהייזער, נאַכטלאָקאַלן.

מוזיק פון די גרויסע זין פון אייראָפּע — אין די שטובן פון הויכע שטאָקן.

פּוילן אויף דער שוועל פון דריטן צענדליק.

פּוילן — אַ שיף אויף רויִקן ים בעת אונטערן „שטילן וואַסער״ צאָרנט באַהאַלטענער שטורעם: מוראדיק בייזע אָניאָגנדיקע כוואַליעס.

די „שיף״ שאָקלט זיך. שיכורע ליבע צום לעבן, לוקסוס, פערוועזע תענוגים — האָט געמישט אין קאָפּ, האָט אָפּגעווישט די גרענעץ פון ווירקלעכקייט און חלום.

נאָך אַ יוגנט האָט פּוילן, אַ נאָכוווקס, און טאַטעס:

אַרבעטערס, האַרעפּאַשניקעס, סוחרים און קלײנהענדלערס. פּאַר־מעגלעכע און אָרעמע. פּאַרװײלונגס־קלובן און פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען. עס גײט אויף, ס׳צעבליט זיך אַ מענטשנװאַלד, אַ יונ־גער, אַ נײער דור. נײַע לידער פון באַפרײַונג און אמתער שײנ־קייט. יונגע מנהיגים, װאָס קוקן מיט דאגה און אומרו דעם הײנט אין די אויגן און ציטערן איבערן מאָרגן. װי שלאַכטלײט, געניטע, דערשפּירן זײ דעם ריח פון מלחמה נאָך אײדער זײ דערנענטערן זיך צום אָרט פון געפאַר.

נאָענט איז די געפאַר.

עסטרײַך איז אָקופּירט. מעמעל — אַ טײל פון „דריטן רײַך״. „פּלעביסציט״ אין דאַנציגער קאָרידאָר. פּיקעטן בײַ די טירן פון ייִדישע געשעפטן. אַנטיסעמיטישע עקסצעסן.

פּוילן גײט אויף „זאַ־אָלזשע״.

און איך האָב די מיטאָג־שעהען, הונגעריקע אָונטן, פאַריאָגט מיט אונטערזיצן אין ביליקע רעסטאָראַנען פון זאַמענהאָף און נאַװאָליפּקי; מיט באַזוכן רײַכע ביבליאָטעקן, קונסט־גאַלעריעס. אַרײַנגעקוקט דורך פאַרהאַנגענע פענצטער און טירן אין נאַכט־לאָקאַלן, צװײפלהאַפטע פאַרװײלונגס־ערטער. ס׳האָבן זיך פון דאָרטן געטראָגן ריחות פון פּיקאַנטע עסנס, שאַרפע געטראַנקען און אַ גערוך פון פּרויענלײב, פּערפום. געזאַנג. מוזיק עראָטישע, מעלאַנכאָלישע.

3

איך בין פאַרליבט.

אויף די אוניװערסיטעט־קורסן טרעף איך נחמהן. נחמה — אַ סטודענטין.

װידער נחמה אויף דער שולבאַנק. געזען איר דאָס ערשטע

מאָל מיט אַ יאָר זיבן, אַכט צוריק — אין פּאָלקסשול. אַ גראַנאַט קליידל מיט אַ ווייס קעלנערל. אַליוו פּנימל. אַ מאַטע בלייכקייט — עכט ווייס גאָלד.

צי האָט זי מיך באַמערקט? האָט זי דעמאָלט אין זינען געהאַט קוקן אויף יינגלעך? איך האָב דאָך געשפּירט אירע בליקן. ניין. נישט קיין ליבע־הונגער, נישט קיין חשק האָב איך צו נחמהן. איך ווער טרויעריק, אומרויִק, אַז כ׳קוק אויף איר. און איך וויל, אַז דער טרויער זאָל וואָס לענגער אָנהאַלטן. איך שעם זיך צו קוקן אין איר זייט.

קיין מאָל האָב איך נישט גערעדט מיט איר, ווי ס׳רעדט אַ שילער מיט אַ שילערין פון איין קלאַס. נישט דרייסט געווען, ווי אַנדערע, איר אָננעמען פאַר דער האַנט, באַרירן איר אָרעם, זיך אַ וויצל טאָן. ערשט ווען כ׳בין ווייטער געווען פון איר — האָב איך „געזען" אירע בלייכע בעקעלעך, וואָס האָבן זיך געררייטלט, ווען כ׳האָב פאַרהאַלטן מיין בליק אויף איר. זי האָט אָפּגעקערט ס׳פּנימל און אַ טרייסל געגעבן מיטן קורץ געשוירענעם גזשיוור־קעלע. אַ מאָל האָט זי מיטן הענטל דאָס גזשיוקעלע אַ פאַרשאַר אַרויף געטאָן.

און אפשר איז דאָס אַן אויסדאַכטעניש? נחמהן זענען נישט געלעגן אין זינען אַזעלכע זאַכן. זי איז אַ קלוג מיידל. אַן ערנסטע. נאָר פון דערהויבענע, שיינע זאַכן טראַכט זי.

נחמה איז אַ גוטע שילערין. אַ גוטע חברטע. אַלע האָבן זי ליב. איך אויך. כ׳האָב עס נחמהן קיין מאָל נישט געזאָגט. כ׳האָב מיט איר ווייניק גערעדט.

נחמה איז פאַר מיר — מחשבה. אָנונג. איינרעדעניש. ווי אַזוי מאַכן דעם ערשטן טראָט צו איר — האָב איך נישט געוווּסט.

נישט געוווסט, ווי אַזוי די ווערטער־פּערל, וואָס איך האָב גע־שנירלט פאַר איר — אויסשיטן.

איז עס אַ צופאַל — ווידער טרעפן דאָ נחמהן? צי וואָרצלען ערגעץ ווו די סיבות פון אַזאַ באַגעגעניש? וואַקסן נישט די באַ־געגעענישן אַרויס פון דער תשוקה, דער ניסתרער, וואָס וואַכט איבער דער שכחה?

פאַר וואָס ווייס איך אויך היינט נישט, ווי אַזוי אָנצוהייבן? מאַכן דעם ערשטן טראָט?

זי איז היינט העכער פון מיטעלן וווקס. דינער האַלדז. אויך היינט — דאָס גזשיווקעלע איבערן שטערן. קלוג־פאַרשעמטע אויגן. פולע ליפּן, זאַפּטיקע. שווייגנדיקע, סענסועלע ליפּן פון אַן אַכצן־יאָריקער סטודענטין. זיי פאַרשליסן אין זיך אַ סוד.

געדענקסט זי מיך, נחמה? בין איך מער ביי איר ווי אַ ייִנגל פון איין קלאַס, פון איין גאַס?

דריי מאָל אין דער וואָך טרעפט מען זיך אויף די אָוונט־קורסן. יעדע באַגעגעניש — אַ יום־טוב. אויפגעטייעט ווערט די מידקייט פון שווערן טאָג אַרבעט: זי גייט אָפּ, ווי פראָסט פון אַ שייבל אונטער אַ וואַרעמען הויך.

איך האָב געבענקט נאָך אַזאַ הויך.

יעדער וואַרעמער בליק, גוט וואָרט האָט אויפגעוועקט אין מיר קוואַלן גוטסקייט, פרייד. ווייניק זענען געווען די בליקן, די ווערטער. אַ וויסטע שתיקה אַרום מיר. מיין פאַרדרענגט שווייגן רופט אַרויס ביטול, אַ שמייכל. שינאת־חינם. ס׳האָט מיר וויי געטאָן. כ׳האָב געענטפערט מיט חוצפה, פאַררייסנקייט.

„אַ לאַ־יוצלח און אַ בעל־גאווה" — האָט מען צוריקגעוואָרפן מיט תרעומה.

בעת מיין באַרעדעוודיק מאַמעלע האָט אויסגערעכנט די מעלות־

טובות פון אירע געראָטענע קינדער — האָט זי תמיד פאַרגעסן אין איין קינד. איך בין דאָס קינד. און אַז זי האָט נישט פאַרגעסן — האָט איר, ווי דער שטייגער, צום סוף אויסגעפעלט כוח מיך צו דערמאָנען.

אַ קינד אין שולעלטער.

פון שבועות ביז ערב די יום־טובים, צו זשניווע, איז אַ גוטע צייט. ס׳לייזט זיך בעסער. פאַרן אָנקומען פון נייעם, איז דאָס אַלטע מעל טרוקן און דער פריפּיאַק איז אַ העכערער. דערצו — האָסעס. ס׳וואַקסט. ס׳הייבט זיך. אויך די פויערים פון די אַרומיקע דערפער „קלאַפּן אָפּ די טירן״ פון דער קליינער בעקעריי.

די קינדער ווערן עלטער. תלמוד־תורה, בית־ספר. ווי לאַנג קענען קינדער דערוואַקסענע טראָגן רעשטעטעס פלעץ אויף די קעפּ? ברויטן אין די קוישן, זעק?

דער פעטער גבריאל פון דאָרף האָט פאַרגעשלאָגן איינשאַפן זיך אַ פערד און וועגעלע צו צעפירן די געבעקסן. ער, גבריאל, וועט דאָקאַזשען אַ פערדל, אַ וועגעלע.

איך בין געפאָרן מיטן פעטער גבריאל אין דאָרף אַריין ברענגען ס׳פערדל.

אייגנטלעך איז עס אַ לאָשאַק. ערשט ביים פעטער גבריאל וועט עס ווערן אַ פערד. ער וועט עס לערנען אַ פרק גיין אין געשפּאַן. און קויפן קען מען עס, זאָגט ער, פאַר אַ שיבוש.

דער שאָסיי פירט צו אַ רויטן ציגלוועג. שיינע מויערן. הייזקעס מיט בלעכענע דעכער. בלומען־גערטנער. אַ וואַלד. ווייטער פון וואַלד — פעלדער.

אַן אַלטער בוים, אַ געדיכט צעצווייגטער, אין מיטן פעלד. אַ טשאַטע פייגל, ווילדע טויבן, גיבן זיך אַ לאָז אַרויס פון בלעטער־

קרוין. מיט שאַרפֿן פּלי און פֿריילעכן געצוויטשע קרייזן זיי אַרום בוים און זעצן זיך צוריק.

פֿאַשעפּעלדער. אַ ריח פֿון הייסטויגן און קאָניעטשינע. שטשער־ניעס נאָך אַרומגענומענער תבואה. גרינע מיעזשעס. נענטער צום דאָרף — פֿאַדווירעס. האַלץ־שטאַכעטן. איבערגעקערטע ערדענע קרוגן. לאַדישקעס.

דאָס פֿערדל איז געווען ווי נאָך אַ קינד אין שטוב. איך בין דער בעל־עגלה, דער „פֿאַרזאָרגער" פֿון פֿערדל. אַ סברה, אַז די שטומע צונג האָט דאָס דערשפּירט. עס האָט מיר אַרויסגעוויזן אַ סך ליבשאַפֿט. געלאָזט אַ גלעט טאָן דאָס מאָרדעלע. פֿון מאָר־דעלע, לענג־אויס, אַרויף איבערן שמאָלן פּנים־פּאַס, צווישן די אויגן און שיינעם גריווקעלע.

פֿון די יונגע נאָזלעכער האָט געשלאָגן אַ הייסער, זיסלעכער אָטעם. מיט אָנגעשפּיצטע פֿאַרהויבענע אויערן — אָדער פֿאַרלייגטע אויף צוריק, האָט ס׳פֿערדישע קעפּל זיך הכנעהדיק אונטערגעגעבן דעם פּיר פֿון מיין הענטל.

מחמת דער יונגקייט איז רוקן, האַלדז, בויך און באַקעס באַ־וואַקסן געדיכט־האָריק — נישט ווי דער שטייגער ביי פֿערד. די פּיס — כאָטש נישט קיין הויכע — זענען שלאַנק און דין. קורצע שוואַרצע „שיכעלעך" — די טלאָען.

צוליב דער קליינגעוויקסיקייט, האָט מען ס׳פֿערדל אַריינגע־שטעלט אין אַ קאָזע־שטעלכל. אַחוץ מיר האָט דאָס פֿערדל, קאָן מען זאָגן, קיינעם נישט צוגעלאָזט. אַפֿילו זיך קעגנגעשטעלט. געפּיצקעט מיט די אונטערשטע פּיס. געדרייט מיטן קאָפּ. געביסן. געהירזשעט און געפּאַרסקעט.

ביים ערשטן מאָל איינשפּאַנען אים האָט מען געמוזט אַראָפּ־ברענגען דעם פֿעטער גבריאל פֿון דאָרף. ער האָט אים געלערנט

די ערשטע כללים פון גיין צווישן דישלעס: וואָס מען מיינט אַזוינס אַ כאָמעט, אַ ציימל. אויך פילן דעם טעם פון אַ בייטש, אַ שטורקע מיטן שטיוול אין בויך אַריין, אַ שטאַרקן צי פאַר די לייצעס.

אַ גרויס רחמנות איז מיר געווען אויפן פערדל: אַזוי יונג און מוז שוין גיין אין שפּאַן.

און עסן?

אַחוץ אַן אָבריק פון קלייען, מעל און שעטשקע, האָב איך געזאָרגט פאַר אַ גוטן צובייס — שטיקלעך ברויט, סקאָרינקעס, צעגריזשעטע פון מייז. אַ געקאָכטע קאַרטאָפל.

ער האָט מיר אָפּגעדאַנקט מיט אַ פאַררייסן דעם קאָפּ און פריילעכן הירזשען. פון אונטער אויבערשט פאַרקאָטשעטער ליפּ — געזונטע ווייסע ציין, גלאָצערס, גוטע, גרויסע.

אין די דינסטיקס, נאָכן יאַריד, בין איך אַוועק אויפן מאַרק. מיט האָלצגראַבלע, אַליין־געמאַכטער, האָב איך צונויפגעשאַרט היי, קאָניעטשינע, האָבער געמישט מיט פערד־צואה, אויבסטן פון אונטער סטראַגאַנעס. האָלבע און פולע זעק האָב איך אין די דינסטיקס אַהיים געטאַסקעט.

גיך איז פון יונגן לאָשאַק געוואָרן אַ פערד, ווי אַלע פערד. די הויכע האָרקאָלטענעס זענען אַראָפּ. הינטער זיי האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַ ברוינע לאַדרע. אַ פיר מיט דער אייזערנער גזשעבלע איבערן רוקן, בויך — און ס'שטייט פאַר דיר אַ דינפּיסיק, פריציש פערדל.

קיין בייטש האָב איך נישט באַדאַרפט.

אַ קליין, כמעט צירקאָווע וועגעלע. צוויי דראָבינקעס און אַ ברעטל פאָפּעריק. לייצעס פון פּראָסטע שטריק. אַלע אינדערפרי, מיטן בלוי, האָב איך דאָס פערדל געשפּאַנט. צעפּירט ס'געבעקס

אין די קראָמען און צוריקגעקומען אין דער שעה, װען מען גרייט זיך גיין אין שול אַרייַן, אין חדר.

אין די פֿרייִע שעהען, אין די נאָכמיטאָגס — געפֿירט ס׳פֿערדל אויף דער פּאַשע.

פֿון דער פּאַשע — צום פּלומפּ.

װינקלדיק, אויסגעבויגן, האַלט איך אונטער די װיאַדרע װאַסער מיט דער קני. פֿערדלס מאָרדעלע איז פֿאַרטונקען איבער דער כראָמסקע. טרינקט און הייבט אַרויס דעם קאָפּ. אַ סמאַרזשע, און עס שמייעט מיט האַריק־נאַסער ליפּ. אַ סימן — גענוג. אָנגעטרונקען זיך.

ביי נאַכט האָב איך ס׳פֿערד אַרייַנגעלאָזט אין שטעלכל און פֿאַרלייגט דעם פֿרענט.

4

איך בין תּמיד געװען דער לעצטער.

געװאָלט האָב איך גראָד זיין — דער ערשטער. הייסע אימפּולסן, קלוגשאַפּט שטילע, און קװאַלן ליבשאַפֿט צו מענטש און בעלי־חי — האָב איך געשפּירט אין זיך.

אַ געװיינלעך אויג, אַ דרויסנדיקס, האָט אויפֿגעכאַפּט ס׳פֿאַרקערטע: אַ דװקא, רוגזה, חוצפּה, שװערע רייד, עלבונות האָבן מיין אומשטאַנדהאַפֿטן כאַראַקטער געשטרויכלט.

מיינע װערטער, טוּונגען — האַסטיקע, אומדערפֿאַרענע, — זענען װי שטיינער געפֿאַלן אויף קאַליע געװאָרענעם װעג — צווישן מיר און סביבה.

מיספֿאַרשטייעניש האָט געבוירן קריװדע. קריװדע פֿירט צו אומגעװוּנטשענע מעשׂים, איבערגעטריבענעם בטחון־עצמי.

„איך בין מער פֿון אַנדערע. מען האָט מיך דערפֿאַר נישט ליב.״

„איך װעל נאָך װײַזן, און באַװײַזן.״

דאָס אינערלעכע קלוגע אויג פֿון נחמהן האָט אָפּגעפּונעט אין מיר דעם אוצר גוטסקייט. זי האָט אויפֿגעהויבן מײַן בליק דעם שפּלדיקן, פֿאַרשעמטן. מײַן שטים געמאַכט קלאַנגיקער, קלאָרער.

דו ביסט — האָט זי מיר איין מאָל געזאָגט — ענלעך צו בעטהאָווען. אַ קליינער בעטהאָווען: מגושמדיק פּנים. ברייטער האַלדז. הויכער שטערן. װילדער גלאַנץ אין די אויגן אונטער כמורנע ברעמען. קינדישע התפּעלות. אינערלעכע, צעשטורעמטע שימחה. אָפּט פֿאַרציט זיך איבער די אויגן אַ מעלאַנכאָליע, צער און אַ טרויעריקע גוטסקייט. אומגעזעטיקטער ליבע־הונגער.

קליינער, פּיטשינקער בעטהאָווען.

נחמה האָט ליב קלאַסישע מוזיק. געזען אין בעטהאָווען — לויט ראָמען ראָלאַן, וואָס זי האָט ציטירט פֿון אויסנווייניק — „דעם גאון, וואָס צעשמעלצט יסורים אויף לעבנס־חדווה מלא שיכרות.״

נחמה איז אַ גוטע אָפּנעמערין פֿון מײַנע הייסע רייד. אירע שטילע ענטפֿערס, איר שווייגן — נאָקטורנע שאָפּען־מוזיק פֿון גוטן טרויער, פֿון ראָמאַנטישן סוד, פֿון הויכער געפֿילן־וועלט.

זי איז פֿאַר מיר דאָס גרויסע, בלענדיקע מאַרגנליכט, וואָס פֿאַריאָגט אַלע שאָטנס. כ׳האָב אַרײַנגעשריבן אין טאָגבוך:

ליבשאַפֿט. געטלעכער פּאַלאַץ פֿון װוּנדער און װײ.
היים פֿון גלוסט און געפֿאַר.
אורקוואַל פֿון ליכט און שאָטן.
דו פֿרעכטיקער גאָרטן פֿון זיס־סמיקע בלומען.
דו ביסט דאָס בליען, דו ביסט די פֿרוכט.

איך האָב זיך באַגנוגנט מיטן ריח פון דער פרוכט. איך פיר אַ טאָגבוך. נחמה איז אַ פּאָעטין.

פאַראַן דיכטער וואָס שרייבן נישט. פאַראַן שרייבער — וואָס דיכטן נישט — האָב איך איר איין מאָל געזאָגט. זי האָט געשוויגן. געשמייכלט. דעם באַדייט פון שוויגן, פון שמייכעלע, האָב איך פאַרשטאַנען בעת מיר האָבן זיך, איין מאָל, צוגעזעצט אויף אַ באַנק אין שטאָטישן גאָרטן.

ס'איז געווען שפּעטער אָונט.

זי האָט אָן שהיות אַרויסגענומען אַ פאַרשריבן בייגעלע פּאַפּיר און, ביי דער שיין פון גאַזלאָמפּ, אָנגעהויבן לייענען:

צו בעטהאָווען.

„דיינע פינגער באַרירן דאָס האַרץ פון גאָט.
דיינע יסורים פלאַקערן מיט ליבשאַפט,

וואָס צעשטויבט בערג מיט בראַך אָנגעיאָגט פון צייט.
ווייל דו האָסט אין מענטש געדענקט.
ווייל דו האָסט צו מענטש געבענקט.
עס שטראַלט אַרויס פון דיינע פינגער
דער סוד פון גוטס, דער סוד פון זיין.
דו ביסט מיט אַלעמען, און — אַליין:
בעטהאָווען."

האַרבסט נײַנצן נײַן און דרייסיק. כמעט איטלעכן שבת־צו־נאַכטס מאַכט מען אַן אויספלוג מיטן סטאַטעק איבער דער ווייסל.

גאָלדענער פּוילישער האַרבסט — דער שענסטער פרילינג אין מיין לעבן.

מיט די קלאָרע ווייסל־וואַסערן שווימט מיט אַ לבנה. שטערן צעפינקלטע טאָפּלען זיך אין וואַסער. פון בײדע זייטן ברעג —

באַלויכטענע גאַסן. יונגע, נייע גאַסן מיט פיר־פינף־שטאָקיקע הייזער. געשעפטן. רעקלאַמע־ליכט.

אויף די יידיש־נגידישע געגנט פון נײַ־אויסגעבויטן פּראַגע לייכט מיט מוצאי־שבתדיקער פרײלעכקייט. יידישע בחורים און מיידלעך. יידישע היטעלעך און קאַפּעליושן. מאַמע־לשון. יידישער גאַנג, געזאַנג — האָט רױשיקער, פלוישיקער געמאַכט די באַװעגונג אויף די פּראַגער גאַסן.

אַ פּאָר צענדליק בחורים און מיידלעך פירט דער סטאַטעק. מוזיק. געלעכטער. גרינגע בענקשאַפט פון ביידע ברעגן ווייסל פירט דער סטאַטעק מיטן וואַסערוועג פון דער רעזידענץ צו די קלענערע, שטילע יישובים און שטעטלעך. בענקשאַפט, חלומות פון פאַרליבטע פּאָרלעך. יונגע רייד איבערן אַלטן שטילן געפליעסק פון קילע וואַסערן.

צעשפּילטע בלוטן. פאַרליבטע פינגער — פאַרפלאָנטערטע, איינגעפלאָכטענע, ווי די צווייגן פון ביימער, פון ביידע זייטן ברעג ווייסל. ביימער מיט ריחות האַרבסטיקע, האַרבע: מיט באַהאַלטענעם שטורעם אין די קרוינען, אין די וואָרצלען. — —

ביימער רוישן. מענטשן רוישן, טאַנצן אויפן סטאַטעק ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין.

# קאַפּיטל פיר

1

עטל.

ווי אַזוי האָט זי זיך אַריינגעריסן אין מיין וועלט, דער פאַר־שלאָסענער. אַריינגעריסן זיך אין מיין קאַוואַלערסקע שטיבל מיט גערויש און גערייד. אַן אַרבעטער־מיידל. קליידט זיך פּראָלעטאַריש. האַלט פון פרייע ליבע.

זי האָט אַרויסגעוויזן בקיאות אין צונויפדרייען אַ מיטאָג, אַ נאַכטעסן פון שהי־פּהי. ריין סערווירן דעם אָרעמען טיש פון אַן אַרבעטער־סטודענט. אין איר טאַש זענען תמיד דאָ עטלעכע גראָשן, וואָס פעלן מיר איינצוקויפן שפּייז און צושמעלץ צו די מאָגערע פרישטיקן, מאָלצייטן.

פון אַ בשותפותדיקער קאַסע — צו אַ באַשותפותדיק בעט.

ביידע האָבן הנאה געהאַט פון דער רייפער פרוכט.

אין יענע קורצע, אייביקע תענוג־מינוטן פאַרגעסטו — און ס'איז דיר אַ קנאַפּע נפקא־מינה — ווער ס'איז דער אָביעקט פון פאַרגעניגן.

זיי האָבן זיך נישט געקענט — עטל מיט נחמהן.

איין מאָל זיך געטראָפן אין מיין קאַוואַלערסקע חדרל.

פרויען־חוש האָט דערשפּירט: אַ צי געטאָן צום סוד, ווי ס'נאָדעלע צום מאַגנעט. אַ קוק געטאָן איינע דער אַנדערער אין די אויגן — און געטראָפן געוואָרן.

עטל.

וווּ אַזוי האָב איך זיך אַריינגעריסן אין דיין לעבן?

דערציייל.

„ווי אַ וואָרעם אין געזונט האָלץ האָסטו זיך אין מיר באַזעצט.
אַ שטוב האָב איך צוליב דיר איבערגעלאָזט, אַ באַלעבאַטישע, אַ זאַטע. אַ מאַמען. אַ טאַטן. ברידער. אַ שוועסטער. אַ דאָרפישע שטוב אין אַ קליין שטעטל נעבן וואַרשע.

אַ שומר פון סעדער — מיין טאַטע. אַ גאַנץ יאָר האָט גע־שמעקט מיט אויבסטן: עפּל. באַרנעס. וועגלאָקן־פלוימען: פרישע, מיט טונקל־וויאָלעטער מראה.

אין די ווינטערס האָט זיך אין אַלע חדרים געטראָגן אַ ריח פון אויסגעלאָזט שמאַלץ. געגנדזענע גריוון. אין קעלער — אַ פאַס זויערקרויט. אַ הילצערן דעקל און אַ שווערער שטיין. קאַלט זויער־קרויט אויף אַ גאַנצן זומער. קאַרטאָפל מיט שמאַלץ. קאַרטאָפל מיט זויערע מילך. מיט סמעטענע. מיט פוטער, אויסגעוויקלטע פון גרינע בלעטער. היימיש ברויט מיט קימל, מיט גלאַנציקע ווייערכן און מעליקע דנאָען.

שבתדיקע טיש מיט חלות. בענטשליכט. המן־טאַשן, פיינקוכן — פורים. איינגעמאַכטס, ווישניאַק און אַליין־געמאַכטער וויין — אויף פסח.

סעפטעמבער ביינצן ביין און דרייסיק. דער טאַטע קומט מיך אַהיים נעמען. פון יענער זייט בריק שטייט ס׳פערד און וועגעלע. דו שטייסט ווי אַ גרויס יינגל, אַ פאַרשולדיקטס: מיט איין פוס אויפן ראָד שטייסטו. קוקסט אויפן טאַטן, אויף דער מאַמען און — זעסט מיך.

פרעמד איז דיר מיין טאַטע, מיין מאַמע. דו ביסט זיי פרעמד. און דו שטייסט מיט אַ פוס אויפן ראָד פון אַ פול־געפאַקטן וואָגן.

מלחמה, קינדערלאַך. נישטאָ קיין צייט. געפאָרן.
און דך ביסט אַרויף אויפן וואָגן."

2

אויף מיזרח, נעענטער צו דער רוסישער גרענעץ פּאָרט מען: װײַטער פון װאַרשע, װוּ ס'הערן זיך טריט פון דערנענטערנדיקע, דײַטשישע מיליטער־כוחות.

ביידע בריקן, פּאָניאַטאָווסקי און קירבעדזשער, זענען שוואַרץ פון אַפּטרעטנדיקע. אַנגסטיקער געדראַנג און געשטויס. איטלעכע פּאָר מינוט — אַן אָנפאַל.

פון הימל — פײַער. די ערד אונטער פיס — שטויביק, רויכיק און רעשיק פון אויפרייסן און שאָסן.

אין די העכער פיר יאָר זײַן אין װאַרשע האָב איך װייניק בריוו געשריבן אַהיים. ערשט אין די סכנהדיקע שעהען, מעת־לעתן, צווישן איין לופטאַנגריף און צווייטן: אין וואַלד, אויפן אָפענעם פעלד, אין די פֿויערישע סטאָדאָלעס — האָב איך געזען די היים.

די בוידעמשטוב. די קליינע בעקערײַ.

מאַמע.

ווי אַ מוראַשקע, וואָס שלעפּט אויף זיך אַ מאַסע, גרעסער, שווערער פון זיך — האָסטו, מאַמעלע, מיט אַ מאַסע סבלנות גע־טראָגן דעם „פּאַק" צוזאַמען מיטן טאַטן. טראָגסט דעם עול־פּרנסה און שרעקסט זיך פאַרן „גרויסן קינד" — דיין מאַן:

„ער זאָל חלילה נישט פאַלן פון די פיס. נישט איינברעכן זיך".

מיין טאַטע.

אַ קנופּ פון אַ שנוראָוואַדלע פון אַ זאַק מעל פלעגט ער מיט װוּנדערלעכן געדולד, מיט יוגנטלעכן נייגער, אויפבינדן, פונאַנ־

דערנעמען. איז אָבער עפּעס נישט געגאַנגען, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין: אַ געבעקל ברויט איז צוגעברענט געוואָרן; אַ וועקסעלע איז צוריקגעקומען פון ראַיענט; אַ קינד איז אַהיים געשיקט געוואָרן פון שול פאַר נישט צאָלן שכר־לימוד — האָט ער גלייך פאַרלוירן דעם קאָפּ, מיין טאַטע. אומגעדולדיק געוואָרן. גיכער האָבן די הענט געאַרבעט ביים אויסמאַכן ס׳ברויט, קנעטן די טייגן, וואַרפן שפּאַלעס האָלץ אין אויוון אַריין.

אויך די ביסנס האָט ער גיכער געשלונגען. געברומט אין בערדל אַריין:

„די בראָך זאָל עס נעמען. כ׳האָב אָבער געוווּסט״.

ער האָט געוווּסט, מיין טאַטע.

ס׳איז אים נישט באַשערט ס׳גוטע. זיך צוגעוויינט צום שלעכטס: געלעבט מיט דער דאַכטעניש, אַז פאַר יעדער פריידי־קער מינוט — וועט ער באַצאָלן, אָפּקומען.

אַ פריילעכע שעה, אַ גוטער טאָג — טרעפט אים ווי אַ בליץ. דער מינוטיקער בלענד צינד אין אים אָן — די פינצטערניש. בלויז מיטן טראַכטן וועגן גוטס, דאַכט זיך אים, באַגייט ער אַ זינד.

מיין טאַטע.

אַ הויכער, שטאַרקער מאַן. אַ ברייט סלאַוויש פּנים. הויכער שטערן. קליינע אייגעלעך — טיף־גראָע, ליידנשאַפטלעכע. קינ־דישע התלהבות שיינט פון זיי אַרויס. אַ גוטער. אַן אימפּולסיווער. אַ נערוועזער. רעדט מיט אַן אומגעדולדיק וואַרעם לשון. צוויי מאָל זאָגן איין וואָרט — פאַרפעלט אים אָטעם. אפשר אויך רצון.

ער האָט נישט ליב קיין נאַרישע מענטשן, וויל נישט האָבן מיט נאַרישע מענטשן צו טאָן.

„ביסט דאָך אַ בהמה״.

„אָקס״.

(דערמיט אויך געמיינט אונטערצושטרייכן: אַז ער אָדער אַ זי.) ער האָט נישט פאַרטראָגן דאָס פאַמעלעכע רעדן פון אַנדערע: „סתם געברייעט."

התלהבות. סענטימענטאַלקייט. עצבות, פאַרבאַרגענער טרויער האָבן זיך געשטויסן אין זיין נישט־באַלאַנסירטער נשמה. אומגיי־טיקע יסורים. שטימונגען.

אַ סך מאָל האָט ער ריזיקירט צוליב אַ נאַרישקייט. דער־לאַנגט אַ פּאַטש אַ שיכורן גוי און אַרויסגעשלעפּט פון זיין בוזעם אַ געגנבעטע חלה. נישט מחמת גבורה האָט ער דאָס געטאָן. עס איז ביי אים אַ זאַך פון אימפּולס.

„גרויס קינד" — האָט אים גערופן די מאַמע, וואָס האָט בעתן רעדן צו אים שטאַרק באַדאַרפט פאַררייסן דעם קאָפּ.

אַנדערש האָבן דער מאַמעס פינקלדיקע, לויפיקע אייגעלעך אַ מעסט געטאָן דעם מאַנסביל מיטן ברייטן פּנים און שמאָלע איי־געלעך — מיט דרייסיק יאָר צוריק.

העכער פינף יאָר אַ ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַט. געטראָגן אַ לאַנגן שינעל מיט מעשענע קנעפּ. אַ סאַבליע. אַ היטל מיט אַ קיילעכדיקער דענקע און פיבערנעם דאַשעק. געלפּע־הויזן, גע־פּאַסטע, אָפּיצערסקע שטיוול פון גוטער ווייכער געמזע: הויכע סאַזשעוואַניעס. אייזערנע שפּאָרן, גלאַנציקע. די מאַרינאַרקע — מיט אַ פּרענטש.

כאָטש אַן פּאַגאָנעס, האָבן נישט איין מאָל, על־פּי טעות, סאַלוטירט אים סאָלדאַטן. סאַלוטירט מיט שטיפן שטעל און קנאַק מיט די קנאַפּל.

אַן אמתער רוס, מיין טאַטע. האָט ער גענומען רעדן רוסיש — האָט מען תיכף געזען — אַ ייד.

אַ ייד מיט האַרץ און מיט היץ. אַז די היץ גייט אָפּ — וועקט

יאָרן

זיך אין אים די עקשנות. מיט גלויבן, ניסתּרן, מיט רעזערוו־כּוחות, וואָס דרימלען אין זיין שטאַרקן אָרגאַניזם — טוט ער ווייטער ס'זייניקע. די אַרבעט פֿאַרטושט דעם ווייטיק, דעם פֿאַרדראָס. אַרבעט — דערוואַרעמט, גליט אָן דעם ווילן, עלעהיי — אַן אָפּגע־קילטער מאָטאָר: מיטן אונטערשטופּן צינדט ער זיך ווידער אָן און פֿאָרט ווייטער.

מיין טאָטנס „אונטערשטופּער" איז — דער עול, דער כּוח־הקיום.

# קאַפּיטל פינף

1

העכער צוואַנציק וויאָרסט פון אַ באַן־סטאַנציע — ספק שטעטל, ספק דאָרף. סאַראַ וועגן פירן אַהער: טראַקטן, שאָסייען, שלעכט ברוקירטע. פעלדער. אַ גראָער, נידעריקער הימל. אַן וואָלקן. אָן זון. אַ טרויער, אַ צער וואָס האָט נישט קיין נאָמען העגנט אין דער לופטן. די כאַטקעס, ווי קאַסטנס פאַרגעסענע, אַראָפּגעפאַלענע פון אַ לאַסטאויטאָ, וואָס האָט זיך אין איילעניש פאַרבייגעטראָגן.

שטשערניעס. ערד־שטחים שוואַרצע, לײדיקע, פאַרבענקטע נאָך אַקער, ציִען זיך וויאָרסטן ווייט.

ביימער גראָבשטאַמיקע, מאַסיווע, מיט געדיכטע בלעטער־קרוינען. שווער און טיף שטומען זיי אויס דעם צער און פחד פון אַנקומענדיקע טעג. מלחמה. מאָביליזאַציע. איינגעבראָכענע פראָנטן. בהלהדיקע ריקצוגן פון צעקלאַפּטע אַרמייען. אַ ריח פון ברענענדיקע וועלדער. דערוואָרגן געשריי און געוויין פון ראַבירטע דערפער.

רציחה. דייטשישע חיילות אין רוסישע שטעט.

די דאָזיקע וועגן־אומוועגן האָבן געפירט סוף יוני ניינצן איין און פערציק פון די זאַפּאַדנע געביטן אין ווייטן, טיפן רוסלאַנד. טויזנטער גייער אין אַנגסטיקן פלאָנטער. טויטע. פאַרווונ־

דעטע. מען לאָזט זיי און מען גייט ווייטער. הינטער מינסק. געדיכטע רויכן באַדעקן דעם הימל.

איך און עטל. ס׳געבוירלינג — אויף איר אָרעם. אַ פאַרהונגערט יענטשען זעגט דאָס אויער. עטל וויינט. פאַרגליווערט די מילך אין די בריסטן. אַ טראָפּעלע מילך פאַר דעם קינד, ווו נעמט מען?

וואָס זענען אַצינד יסורים, ווונדן, אַז אין מיטן פון חרובער וועלט ליגט צום אָרעם פון פאַרחלשטער מאַמע געבוינדן אַ קינד?

טויט איבער טויטן נצחונט. מען גייט ווייטער. נאַכט. פייער. אויפרייסן. שאָסן. אַ וואַלד ברענט. ס׳פייער באַלייכט דעם וועג, דעם וויסטן. אַ מענטש ליגט אין בלוט. אויפגעריסן דעם בויך. מיט לעצטע כוחות יאָמערט פון אים ס׳חיות. פון ווייטיק, פון בלינדער פאַרצווייפלונג פּרוווט ער זיך אויפשטעלן — און פאַלט צוריק אַנידער.

רויטאַרמייער. גראָע ערד — זייערע פּנימער. מיט שטומע, פאַרשטיינערטע בליקן באַגלייטן זיי די רעשטלעך טראָפּעען. הינטער זיי — דערפער פאַרברענטע צוזאַמען מיט פערד און מיט פי. אַ פויערטע צלמט זיך. לויפנדיק פאַלט זי צו די פיס פון אַ רויטאַרמייער: „גאַלובטשיק, טייערינקער, ראַטעווע, ווי גאָט איז דיר ליב.״

אַ יינגל פירט אַן אָקס ביי אַ נאָזרינג. ער שלעפּט און דער אָקס וויל נישט גיין. קאַנטיק צעטומלט פון דער היץ און פון די ביימער צעפלאַמטע. אין מיר פלאַקערט דער שאַרבן:

„אַ טראָפּעלע מילך — ס׳חיות פון קינד צו דערכאַפּן.״

„אַ ביסעלע מילך, אָדער — אַ קויל. אַ קויל און אַ סוף זאָל עס נעמען.״

שטאַרבן? און טאָמער בלייבט לעבן דאָס קינד? און עטל?

## 2

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען פון דאָרף אַרויסגעפּראַװעט די לעצטע פינף מאָביליזירטע: פּיעטוכין פּעטראָװיטש, אַלעקסיי זאָרין, מאַלישעװ, איװאַן שטשעפּקין, סימאַגאָװ. יעדן געהייסן מיטנעמען װאַרעמע װעש, אַ לעפל, אַ טעפּעלע.

פון אַלע כאַטעס איז מען אין דער פרי אַרויס. געזעגענען זיך מיט די לעצטע פינף פון דאָרף איז אַ הייליקער חוב אויך פאַר די, װעמעס זין און מענער זענען פריער נאָך אַװעק אויפן פראָנט. אייניקע האָבן עס אַפילו געהאַלטן פאַר אַ סגולה.

מיט שפּרוך האָט מען געװאָרפן קליינגעלט, לעצטע קאָפּיקעס, אין די קעשענעס פון די מאָביליזירטע. כ׳האָב געזען, װי אייניקע דרייען אָפּ די פּנימער אין אַ זייט: װישן די אויגן מיט שפּיץ קאָפּ־טיכלעך, מורמלען, צלמען זיך.

פון „קולטורנע זאַל״, נישט װייט פון זאַמלפּונקט, — אַ ראַ־דיאָ־הילכער:

„אונדזער מיליטער האָט פאַרנומען.״

„אונדזער מיליטער האָט איבערגעלאָזט.״

„אונדזערע גייען פאָרויס.״

„אונדזערע טרעטן אָפּ.״

מאָביליזירטע פאַרװאָרפן הענט אויף אַקסלען. שיכורלעך, צעװאַקלטע, איבערן ברייטן מיטנװעג פון דאָרף — האַלטן זיי זיך אָן איינער אין אַנדערן און זינגען.

ניין, נישט קיין געזאַנג איז עס. ס׳איז אַ הייזעריק צעזונגען זיפצעניש.

אַ הויך ביטער געזיפץ מיט געשריי און געשטיקטער ספּאַזמע פון פינף פאַרמישפּטע.

אין אַ לויזער ריי איינגעשלאָסענע, האָבן זיי אויסגעזען ווי אַרומגענומענע פון אַ געהיימען פּחד.

ווי אַ געהיימע האַנט וואָלט איבער זיי אַ שטריק פאַרוואָרפן.

— אָדער געהרגעט ווערן, אָדער צוריקקומען אַ העלד — האָט פּיעטוכין אויסגעשריען. געשריען און געהאַקט זיך מיט דער פויסט אין ברוסט. ביי יעדן „שלאָג" האָט זיין קול אויפגעציטערט. אַ ווייסע שוים באַדעקט זיינע ליפּן.

זאָרין, אַ הויכער, דינער מיט אַ ווייס כמעט מיידלש פּנים — איז מיט אַ מאָל אַנטשוויגן געוואָרן. זיין ווייבל, אַ פּעטלעכע, קליינינקע, אין אַ באַרכאַט קליידל, אין זומער־לעטשלעך — איז געווען די ערשטע פון די נאָכגייער. פיר קינדערלעך ביי די הענט. אַ־טלעכס מאָל האָט זי אים אונטערגעשיקט אַ קינד צום געזעגע־נען. זאָרין שטעלט זיך אָפּ. אַרום אים — אַלע פיר. ער זעצט זיך אַראָפּ. נעמט אַ קינד אין די אָרעמס. שטאַרק און שטום דריקט ער דאָס קינד צו זיך. הייבט זיך אויף דערמיט און זעצט זיך צוריק. פיר מאָל אַזוי. ס'קליינע ווייבעלע זאָרינס שטייט — ווי אַ פינפט קינד — וואַרט דער טאַטע זאָל זי אויף די הענט נעמען און צו־דריקן צו זיך.

פריילעכע, שפּילעוודיקע צעלויפן זיי זיך, די קינדערלעך. זאָרין און זיין ווייבל שטייען און קוקן זיך אָן.

אַ סקרוך איז אַדורך איבער אַלעמענס לייבער.

„וואָלגאַ, וואָלגאַ — מאַט' ראָדנאַיאַ", האָט אַ געזונטע מענער־שטים אַרויסגעשריען פון ראַדיאָ־הילכער.

3

אַ קלאַנג איז צו אונדז דערגאַנגען: עטלס טאַטע־מאַמע זענען

ערגעץ נישט װײַט. זיך געראַטעװעט מיט אַן עשעלאָן עװאַ־קויִרטע.

איך האָב זיך געלאָזט אין װעג אַרײַן זײַ אויפזוכן.

אַ לאַנגער לאָקאָמאָטיװ־פֿײַף שנײַדט זיך אַרײַן אין דער נאַכט. דער פּאַראָװאָז יאָגט, שלינגט די װײַסע לײדיקײט. אַלע באַגאַזש־פּאָליצעס, בענק זענען פֿאַרלײגט, באַזעצט. פּעק. טשעמאָדאַנען. מענטשן. זיצנדיקע, שלאָפֿנדיקע. מען שטײט בײַ די פֿענצטערלעך. טונקעלע באַלויכטונג באַרעט זיך מיט רויך און קאָפּעטש.

אַ ריח פֿון מאַכאָרקע. שװײס. עיפּוש פֿון אָניטשעס.

װי לאַנג בין איך אין װעג? װוּהין פֿאָרט די באַן — װײס איך נישט. איך װײס װוּ איך װיל פֿאָרן. נאָר דעם חשבון פֿון צײַט און אָרט האָב איך פֿאַרגעסן.

שלעפֿעריק. הונגעריק. מיד. פֿון שטײן בײַם פֿענצטערל שעהען לאַנג — זעצן זיך די פֿיס. כ׳מוז טוישן די סקאָרפּעטקעס, אַראָפּ־װאַרפֿן פֿון זיך ס׳לײַזיקע העמד. איך װיל צעפּאַקן ס׳קלומעקל, װאָס איז מיט צװײ רימענדלעך צו מײַן פּלײצע צוגעפּאַסעװעט — און ס׳קלומעקל איז נישטאָ. אַ פּאָר װעש, אַ סװעטער, אַ פּושקע שמאַלץ און אַ ברויט איז דאָרטן געלעגן. אַלע אָװעקגעגנבעטע זאַכן האָבן מיך נישט אַזוי געאַרט, װי דאָס ברויט.

אַ לענגלעך ראַזעװע ברײטל, װאָס איז װי אַ גאָלדשטיק אײַנ־געװיקלט געװען אין סװעטער.

איך האָב זיך מיט אַ מאָל דערפֿילט אַזוי שװאַך. אַזוי קלײן. װאָס שװאַכער, קלענער איך בין בײַ זיך געװאָרן — אַלץ גרעסער װאַקסט דאָס ברויט אויס אין מײַנע אויגן.

קורצער, אָפּגעהאַקטער פֿײַף, פֿאַרלאַנגזאַמטער רעדער־געריש — האָט מיך אויפגעטרײסלט. צו מײַנע אויערן דערטראָגן זיך דינע סװישטשן פֿון אַ קאָנדוקטאָריש פֿײַפֿל. באַקאַנטע סימנים:

„אַ סטאַנציע".

בעת דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט האָב איך זיך געפונען נאָענט פון דער טיר. זי האָט זיך פּלוצעם אָן עפּן געטאָן. כ'בין אַרויסגעשטויסן געוואָרן אין דרויסן.

פריער פאַרטאָג. דער שניי בלויט. כ'פיל די איינגעפּראַסטיקטע ווייסקייט אונטער די טריט פון מיינע ווייכע וואַליקעס. ער גיט זיך אונטער, דער שניי, מיט אַ סקריפּ:

מיט סקריפּ און כריפּ פון ווייכן ווידערשטאַנד. ווי אויף פריש אַנגעיאָגטע זאַמדן, האָבן די טריט געטאַפּטשעט אין אייגענעם אָפּדרוק.

אַ מענגע מענטשן אין אַ לויזער אָטשערעד איז געשטאַנען אַרום אַן איינציקן קראַן: פאַרעדיק וואַסער האָט זיך פון קראַן געגאָסן.

„קיפּיאַטאָק. הייסער קיפּיאַטאָק."

וואָס פאַר אַ זין האָט צו שטיין און וואַרטן מיט ליידיקע הענט? די קעלט עסט די ביינער. פראָסט קריכט דורך די וואַליקעס אין די פיס, העכער, העכער, ביז אונטערן האַרץ. — —

אַנטקעגנדיק מיטן ווייסן פעלד האָבן זיך געזען עטלעכע פענצטערלעך מיט פאַרקאָוועטער רויטקייט. איך האָב זיך געלאָזט מיטן ווייסן וועג צום ליכט פון דער כאַטקע. כ'בין שטיין געבליבן ביי דער טיר.

— ווער איז דאָרט?

— אַן אייגענער.

— פון וואַנען?

— מיטן באַן, וואָס איז אָקערשט אָנגעקומען.

— פון וואַנען קומט די באַן?

— עוואַקויִרטע. אַן עוואַקויִרטער.

אין פענצטערל איז ליכטיק געוואָרן. פון אינעווייניק איז אַ קייטעלע געפאַלן. די טיר האָט זיך געעפנט. פאַר מיר שטייט עפּעס איינגעוויקלטס אין אַ פּעלץ: ספק מיידל, ספק פרוי. פון דאָ, ווו ס'דאַרף זיין קאָפּ האָבן אַרויסגעקוקט צוויי אויגן. צע־שויבערטע האָר האָבן פאַרשטעלט דאָס פּנים.

— פּאָזשאַלוסטאַ.

איין פאַרלאַנג האָב איך געהאַט ביים איבערטרעטן די שוועל: צו זעצן זיך. פילן אונטער זיך אַ בענקל. אַן אַנלען. אַ געלעגער. אַראָפּציען די שווערע, שנייִקע וואַליקעס, וואָס זענען ווי צוגע־וואַקסן צו די פיס. בייטן די לייזיקע וועש.

די באַלעבאָסטע האָט, אַ פּנים, אַנדערש פאַרשטאַנען: קומט ווער אַריין — דאַרף מען שטעלן צום טיש.

איידער איך האָב פון זיך די פּופּייקע אַראָפּגעוואָרפן, איז פון מענערישן פּעלץ געוואָרן אַ יונגע פרוי. אַ פרוי אין אַן אויסגע־פּאַסטן באַרכעטן קליידל, צוויי רונדיקע, פולע בריסטן — פאַרמלאָז פאַרקוועטשט. די נאַקעטע פיס אין האַלבע וואַליקעס.

כאָטש אין דרויסן האָט שוין געשאַרײַעט, האָט זי דאָס וואַנט־לעמפּל אַרויסגעדרייט, ווי זי וואָלט דערמיט וועלן פאַרלענגערן די נאַכט.

איין חדר. צוויי בעטן צוזאַמענגערוקט. אַנטקעגן די בעטן — אַן אַלטער קאָמאָד.

זי איז פלינק צו צום ערשטן בעט, ווו ס'ליכט איז געפאַלן אויף אַ קינדיש קעפל. אַרומגעדעקט דאָס קעפל מיט אַ קאָלדרע.

דאָס ליכט, די וואַרעמקייט און ס'שווייגן פוןביידע — האָט מיך איינגעשלעפערט אַ זיצנדיקן. פאַר מיינע אויגן האָט גע־שווינדלט מיט רירעוודיקער ווייכקייט, מיט ספּריט, גלייך אַ קאַץ וואָלט זיך אַרום מיר געדרייט.

איך האָב נישט געזען, וואָס אויפן טיש טוט זיך: נישט דאָס פלעשל. נישט די פענעצלעך ברויט. נישט די עטלעכע קאַרטאָפל. עפּעס האָב איך יאָ און נישט געהערט איר אַרומפּאָרען זיך. איר לויפן פון איין ווינקל שטוב צום צווייטן. ס׳קלאַפּן פון די קאַמאָד־טירלעך. געזוכט, אַ פּנים, מיט נאָך עפּעס וואָס דעם טיש באַשיי־נען.

איך האָב מיט אַ מאָל דערפילט אַ גרינגקייט, ווי כ׳וואָלט פון זיך אַ שווערע מאַסע אַראָפּגעוואָרפן. ס׳איז מיר גוט געוואָרן אין אַלע אברים. אַן אָנגענעם טשיפּעניש אין די שפּיץ־פינגער פון די פיס. אויך דאָס בייסעניש האָט אויפגעהערט. אָט ציט מען מיר די וואַליקעס פון די פיס אַראָפּ. ווייכע, וואַרעמע פינגער. פרויישע הענט. עטל? נחמה? די מאַמע? ווי אַזוי קומען זיי דאָ אַהער? ווו בין איך?

כ׳האָב זיך איבערגעכאַפּט. געקוקט אויף מיינע נאַקעטע פיס אין אָניטשעס פון ווייסן ליאַנען לייוונט. געקוקט אויפן פרעמדן פּנים אַנטקעגן מיר:

— וואָס איז דיר, קראַנק? אפשר פאַרוווּנדעט?

— גאָרנישט.

— טרינק אויס. דערוואַרעם זיך.

— אַ דאַנק.

— נישטאָ וואָס צו דאַנקען. נישטאָ מער ווי דאָס אויפן טיש.

— איך בין נישט הונגעריק. לאָז עס פאַרן קינד.

— ניטשעוואָ. מען וועט נישט פאַרהונגערט בלייבן. זעסט — האָט זי אָנגעוויזן אויף דער ברענענדיקער הרובע אין ווינקל שטוב — דאָרט טריקענען זיך דיינע וואַליקעס.

איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ווי אַזוי זאָל איך איר זאָגן נאָך וואָס כ׳בין אַהער געקומען: אַז כ׳מיין נישט

דאָ צו פאַרבלייבן. אַ סטאַנציע. נישט מער. פשוט אַ ביסל קיפּיאַ־טאָק, אַ טעפּעלע טיי — די טרוקענע אין האַלדז צו דערוואַרע־מען. די באַן וועט אוודאי באַלד אַ ריר טאָן. כ׳מוז ווייטער פאָרן. כ׳זוך עמעצן.

— וועמען זוכסטו? וווהין דאַרפסטו?

— אויף קאַזאַן ביי דער וואָלגע.

— און דער באַן פאָרט אויף סאַראַטאָוו.

— הייסט עס איך פאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג?

— אוודאי נישט גוט. נישט גוט פאָרסטו, גאַלובטשיק.

מיין שעמעוודיקייט און שלעכטער רוסיש האָבן, קאַנטיק, אין איר נאָך מער מיטגעפיל געוועקט. אַ מיטגעפיל און אַ מין נייגער צו אַ פרעמדן מאַן, אַ יונגער מענטש, וואָס האָט צו איר פאַר־בלאָנדזשעט.

— נו, וועסט נאָך צוריקפאָרן. צוריקפאָרן. ס׳ט באַווייזן.

— אַ סטאַנציע און נישט מער — —

— טרינק אויס. פאַרבייס, אוודאי לאַנג שוין נישט געגעסן

— האָט זי מיר איבערגעריסן.

איך האָב פאַרשעמט געשטרעקט די האַנט צום פאַרבייסעכץ.

זי האָט נישט געגעסן. זי איז זאַט. אַ סך קאָלכאָזן אין דער געגנט — האָט זי מיט אָפּגעריסענע ווערטער מיך אַרויסגעפירט פון פאַרלעגנהייט. דאָ, ביי דער וואָלגע, קויבישעווער געגנט, פעלט נישט קיין עסן. וואָלט זי נאָר געוווּסט, ווו ער איז: אָ, די פאַרשאָלטענע מלחמה. דעם ערשטן טאָג פון מאָביליזאַציע איז פון שטוב אַרויסגענומען. אוועק מיט דער וואָלגע.

זי האָט נאָך אַ מאָל אָנגעגאָסן ס׳גלאָז. צוגערוקט נענטער צו מיר די קאַרטאָפל. אויפגעהויבן זיך און צוגעגאַנגען צום פענצ־

טערל. אַ הויך געטאָן און אַ בליק געוואָרפן דורך דעם אָפּגעגאַנ־
גענעם שטיקל שויב:

— זע, די באַן איז אַוועק. קודאַ? וווּהין וועסטו אַצינד גיין?

4

יונגע פרילינגטעג. ריח פון ווייכן, פייכטן שניי. ער צעגייט
אונטער די פיס. נעצט דאָס פּנים. וואָרעמער רעגן, פרילינגדיקער.
דער טראָט איז גרינגער. אין האַרץ קלאַפּט אַ פריידּ פון גוט־
בשורהדיקע טעג.

גוטע נייעס פון די פראָנטן. מען יאָגט דעם דייטש. פאַרלוי־
רענע, פאַרפרוירענע אין גרויסן, גראָען לאַנד — פאַרלאָזן זיי
שטעט, באַפעלקערטע פונקטן, אָקופּירטע.

די רויטע אַרמיי גייט פאָרויס. אַ שוועבנדיקע שוואַלב איז
די האָפענונג. אַ שוואַלב איבער אַ צעפרילינגט פעלד, וואָס
שלעפּט נאָך זיך איר אייגענעם שאָטן — דעם פּחד. דער פּחד
פאַרן לעבן: דאָס לעבן, ס׳גייע, פאַרהאַפטע — האָט אַצינד מיט
נייע לאָקונגען און חנען געקלאַפּט אין די טויערן פון האַרץ. גע־
וועקט די גראָע, פאַרשטויבטע, פאַרטריבטע בענקשאַפט.

— נחמה.

ווו ביסטו אַצינד טייערע, איינציקע. זע, ס׳וויסטעט דאָס הויז.
עכאָס פון קלאַנגען, פון טענער צעהאַלבטע — וויגן די צייט מיט
דערמאָנונג.

אין ווייטזיין איך נענטער זיך נעענטער צו דיר. מיד פון דער־
וואַרטונג — גיי איך דיר תמיד אַנטקעגן. און דו, ווי אַ נעפּל —
אַ זוניקער נעפּל — צעגייסט אין מיין ראיה.

כ׳טראָג די ליבשאַפט אין מיר, ווי אָדם טראָגט די וועלט אין
זיין ריפּ.

װוּ ביסטו דו? צי לעבסטו?

נחמה?

מיט ליכט, װאָס מאָרגנט פון טריט דײַנע — ערגעץ װוּ — איך װעל זיך אָנגורטן און גײן אויף װעגן, אי זאַמדיק, אי פעלדזיק.

אויף װעגן אָנהײביק־נײַע כ׳װעל גײן. מיט קלוגשאַפט, װאָס שטענדיקט אונטער דײַן װיִע — שײן און געדולדיק — באַפּאַנצערן טו איך אַצינד מײַן פאַראַנענעם גלויבן.

נחמה, איז די ליבשאַפט שלמותדיק, װײַל זי איז אַזוי פרי איבערגעריסן געװאָרן? ליבשאַפט, צי אַ ראָד פון בלוט און באַגער?

נחמה איז נישטאָ.

עטל איז מיט מיר. דאָס קינד איז מיט אונדז. מיר פאָרן צוריק. צוריק אין דער היים. רעפּאַטריאַציע.

טויטע היים. פּוילן — אַ סטאַנציע.

אַ קורצע סטאַנציע ערב אַ װײַטן װעג.

מאָרגנקינד אין די װיקעלעך פון מלחמה־רויכן: געבאָדן אין טרויער, אין טרערן־ים. אַזוי פיל לעבנס שלאָגן זיך פאַר דיר.

װען װעט דער טאָג, די הײבאַם, דיך אָפּנופּלען פון מאַמע־לײַב — בלוטנדיקע ערד — און מיט װאָס װעסטו, מאָרגנקינד, פאַרגיטיקן:

די יתומים.

די קאַליקעס.

די הײמלאָזע.

אַ פאַרטרונקענע, אַ פאַרטונקענע אין בלוט, אין מיסט און אין צואה װאַלגערט זיך מײַן־דײַן װעלט אונטער די פיס פון מלאך־המשחית. אַ שיכורער פון רציחה־לוסט, װי אַ טײַפון האָט

ער זיך פֿאַרבייגעטראָגן. אַ צעטראָטענע ליגט זי אַצינד, די שלאַנג, און מיט איר — די יצירה, די שענסטע פֿון אַלע — דער מענטש.

איך וועל אַצינד מיין חלום געבן הענט. מיין פֿאַרליבטן גלויבן — שטעלן אויף די פֿיס. זיך אויפֿהייבן און אַוועקשפּאַנען אין גאַס אַריין צו די קליינע, שטויביקע, גלויביקע, (גרויס אין זייער רחמים און מענטשלעכקייט):

פֿון אַלע צונגען וועל איך מאַכן שווערדן. די שווערדן שאַרפֿן אין שטאָלענעם ווילן פֿון מאָרגנקינד, וואָס אין די וויקעלעך פֿון אַטאָמישע רויכן: צעשניידן די בלינדקייט פֿון טאָג און וועקן די קלוגע גולמס (פֿעלדמאַרשאַלן, מנהיגים) פֿון זייער געטלעך לייכט־זיניקן שלאָף: —

האָט ווער פֿון אייך געזען אַ זויגלינג אויף מאַמעס ברוסט יענע נעכט און טעג ווען אויף וועגן, שטעגן געלויערט האָבן מיתה־משונות?

האָט ווער געזען אַ זקנס קראַנקע האַנט זיך קלאַמערן אין לופֿטן בשעת אַ ליאַרעם־סירענע רופֿט און יאָמערט?

ווער האָט געהערט דאָס צישען פֿון ברענענדיקע וועלדער און פֿון ברויטפֿעלדער ס׳געוויין. ס׳פּישטשעריי פֿון שוואַלבן — ווייט פֿון נעסטן — מיט פֿליגל דורכגעשאָסענע, פֿאַרטזיבטע פֿון זאַלבן? אַ קו, וואָס לויפֿט אַוועק פֿון איר ברענענדיקן מיסט אויף אייטער: אין בהמהשע, קלוגע אויגן — צעפֿלאַקערטער שייטער פֿון ווייטיק?

# קאַפּיטל זעקס

1

אַראָפּ פון דער שיף.

משא־וועגעלעך מיט וואַליזעס, געפּעק, קאַסטנס. רעשיקער גע־קלומפּער פון מעטאַל אויף בעטאָן. אין די שאַפּעס, מאַגאַזינען ווערן די וועגעלעך פאַרלאָרן.

געוויינען. פריידגעשרייען. אַן איבעררופן זיך מיט די הענט, מיט פלאַטערנדיקע טיכלעך. לופטקושן.

פאַרטאַרבעטער פירן אַהין און צוריק די וועגעלעך. שווייס אויף זייערע פּנימער, שטערנס.

ווייטער פון די מענטשן־געזעמלעך שטייט איינער מיט אַ בעזעם.

אַ נידעריקער מאַן מיט נאָכגעלאָזענע אַקסלען און שווערע הענט. די מאַטשעיוווקע, דאָס מעשענע בלעכל, די העוויות בעתן קערן — גרויסע, האַלבע רונדן — די ברייטע טריט. וואָס גייען נאָך דעם בעזעם, דערמאָנען אין עפּעס נישט־יידישס. אין אַ פויער מיט אַ קאָסע אין דער האַנט — דערמאָנט עס.

אַ תבואה־פעלד.

זאַמלט מען נישט אַצינד די לעצטע זאַנגען — דעם מאָגערן איבערבלייב — פון יידישן פעלד, דעם אָפּגעשרפּעטן?

די מענטשן־געזעמלעך — סנאָפּעס.

און איך בין אַ סנאָפּ פון ווײַ און בענקשאַפט. פאַר וואָס פאַל איך נישט קושן די ערד?

עס האָט מיך געוווּנדערט אויף דער גלייכגילט. און דאָך — בין איך איר דאַנקבאַר. בעסער אַזוי. וועל איך פאַרשפּאָרן אַנטוי־שונגען.

אין מידבר פון אַנטוישונגען טריקענען גיך אויס די טיפֿען — שפּראָץ און האָפענונג.

אַרויסגעהויבן פון יסורים־תהום און צום שפּיצבאַרג פון נאַ־ציאָנאַל און אינדיווידועלן דערקענטעניש־געפיל נישט דערקלע־טערט — בין איך געבליבן שטיין אויף אַ הויכער פלאַך: אַ גלייכ־גילט, וואָס האָט, ווי די פלאַך פון ים, הינטער זיך — דינאַמיש געבענטשטן אויפבּרויז.

אַ שמאָל בריקל פון ים צו יבשה. דער פּחד, נישט אַ וואַקל טאָן זיך — האָט צוגעבונדן מײַן ראיה צום באָדן, ווו איך דאַרף שטעלן מײַנע ערשטע, נײַע טריט.

אַ בריקל — אַ סימבאָל:

פאָרויס — העמוד האש. הינטער מיר — דער עמוד הענן.

איך שטיי און קוק אויף אַ קינד, אויף אַ זקן, וואָס האַלט זיך ביים באָרטן פון שיף.

ערשט אַצינד זע איך, באַנעם, די גרויס פון דער רגע. און ס׳דאַכט מיר: עמעצער שטרעקט די הענט צום ברעג פון אַלצײַ־טיקע שטראָמען, טוט תפילה:

„איז איעדער איינער פון אונדז נישט אַ פּערל נאָך אויסגוס פון ימישע תהומען?“

איך קוק אויפן לאַנגן שווערן הייבקראַן, ווי אַ האַלדז פון אַ ריזיקער זשיראַפע. ער לאָזט זיך אַראָפּ און אַרויף. אין זײַנע אײַ־זערנע צײַנער האַלט ער פּעק און קאַסטנס. זיי זעען אויס ווי

לעבעדיקע באַשעפּענישן אין מויל פון אַ זשיראַפע, בעת זי טראָגט איבער אירע געבוירלינגען פון איין אָרט אויפן צווייטן.

עטל קוקט אויף דער „זשיראַפע".

— וואָס זוכסטו דאָרטן, עטל?

— אונדזער קעסטל זוך איך. ס'זאָל נאָר גאַנץ אַרויס פון די אײַזערנע ציינער. ס'ליגן דאָרטן די קאָלדרעס, ס'ביסל בעטגע־וואַנד, וועש, דיין אָנצוג, עטלעכע קליידלעך, דער עלעקטרישער טשייניק, אַ פּאַטעלניע, טעפּ, דניאלס שפּילצייג.

— און דער ראַדיאָ, די ביכער?

— נו, יאָ, אויך די ביכער דיינע.

צוויי מענטשן שטייען איינגעקלאַמערט איינער אין צווייטן. אַ סך אויגן זענען אַהין געווענדעט. ווערדליק דער ברייטער, עטוואָס געבויגענער פּלייצע פון נידעריקן מאַן, הויכן וווקס און דינעם האַלדז פון יינגערן — בין איך זיך משער, אַז דאָס זענען טאַטע און זון. אַז דער זון איז אַ היגער, זעט מען פון לייכטן העמדל איבער די הויזן, סאַנדאַלן אויף די פיס און — זונברילן. זיי וואַל־גערן זיך צעבראָכענע נעבן זייערע פיס, די ברילן. דער טאַטע טראָגט אַ ברוינעם, צוויי־רייַיקן אָנצוג און אַ גרויסן, העלן „ווע־ליסאָפּעד".

אָנגעפּרייט זיך, קלעפּלט מען זיך אין די פּלייצעס. לאַכן און קוקן זיך אָן מיט פּאַרחידושטע אויגן. דער אַלטער ווישט מיט די הענט די טרערן פון יונגנס באַקן און אַליין — וויינט ער. מיט ליפּן אויסגעקרימטע, ציטערדיקע פון באַהערשטער פרייד — שטאַמלט ער. דער יונגער בייגט זיך אַראָפּ, כאַפּט, קאָנטיק, נישט וואָס דער אַלטער וויל זאָגן.

איך זע ווי עטל קוקט אויפן אַלטן מאַן. „דער טאַטע". איר טאַטע: ס'גראָע אַרומגעשוירענע בערדל. יוסט. ברייטלעך. נידע־

ריקער פון דער מאַמען מיט אַ קאָפּ. אָקעגן אים איז זי געשטאַנען, די מאַמע, ווי דער־אַ בחור. געשטאַנען אַנגעבויגן איבערן צעבראָ־כענעם וואָגן מיט געראַטעוועטן „האָב־און־גוטס". פאַר טאָג. אַ ברענענדיקער הימל. האַרמאַטן־שאָסן. געדיכטע רויכן איבער אַ וואַלד. דאָס גיין און קומען פון באַנען הערט זיך. מסתמא נאָענט פון אַ באַן־סטאַנציע.

— מלחמה, קינדערלעך. גייט. פאָרט. עוקר זיין וואָס פריער פון דאַנען.

— טאַטע, מאַמע, קום! קומט מיט אונדז!

— מירן אונטערקומען.

אומגעקומען. אַ שטעטל מיט יידן. אַ יידיש שטעטל ביים בוג, הינטער וואַרשע.

שבתדיקע שפּאַצירן אויף דער בריק: אויף בײדע זייטן ברעג פּאַזע דעם טייך. פאַרחלומטע מיידלעך. אויפגעקלערטע יונגע־לייט. בחורים מיט מאַרקסן, ענגעלסן אונטערן אָרעם. בוכאַרין און קאַנט. שפּינאָזאַ. היינע. יינגלעך פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. פון דראַ־מאַטישע קרייזן. כל־מיני „קרייזלעך". עלטערע חברים פון דער „באַוועגונג". הייסע דיסקוסיעס. יאָ עמיגראַציע. נישט עמיגראַציע. חלוצים. ציוניסטן. לינקע און רעכטע. קאָמוניסטן. רעוואָלוציע. נאַ־ציאָנאַלע היים. רעוואָלוציאָנערע לידער און לידער פון ליבע און בענקשאַפט.

די בריק האָט געפירט צו גרינע לאָנקעס. צו אַ וועלדל. צו טראַקטן און שאָסייען. צו שכנותדיקע שטעטלעך — אויך אויפגעע־וואַכטע, אויפגעקלערטע. שטעטלעך און אָרטשאַפטן, וואָס האָבן זיך געקייטלט און געקייקלט, דורך וועגן, דערפלעך — ביז וואַרשע.

אַזוי יונג, אומדערפאַרן, אַ יונגע קאָזע — האָט עטל צו זיך אַליין גערעדט — נישט פאַרשטאַנען. נישט באַנומען דעם זין פון

די אייגענע מעשים. איבערגעלאָזט אַ שטוב, אַ וואַרעמע, טאַטע־מאַמע, ברידער. אַ שוועסטער. פאַרטוישט די אייגענע מאַמע אויף אַ שטיפמאַמע — וואַרשע. אָרעמע וואַרשע: שמאָלע גאַסן פון אַרבעטער־קוואַרטאַלן. פאַציאַטעס און בוידעמשטובן. פאַרשימלטע ווענט. צעמענט־פאַדליגעס. טעג אָן זון. נעכט מיט ליכט פון קאַניצלעך, הונגעריקע, שלאָפלאָזע, פאַרבענקטע.

איר וואַרשע. אָרעמע הייזער. אָרעמע מענטשן. אַלטע הילוכים, צעריסענע. אַ ריח פון שיסלען פאַמיעס אין די הייף. ווילדגעוויקס. ליידיקע, פאַרמיסטיקטע פלעצער. יאַדעשליוווע גראָזן. קראַנקע ביימלעך. אָרעמע יידישע קוואַרטאַלן פון דער פוילישער רעזידענץ.

2

צום בית־עולם האָט געפירט אַ ברייטער אַספאַלטוועג. פון ביידע זייטן — הויכע, שטייפע ברושים. עקאַליפּטוסן. גראָבע שטאַמיקע, קרומלעכע ביימלעך — ענלעך צו פוילישע ווערבעס. אויף אַ סך ביימער האָט זיך געשיילט די קאָרע. אַ נייער, דורכזיכטיקער, דינער פלאַסט האָט ווי אַ הויט אַ ראָזעווע, יונגע, באַדעקט דאָס נאַקעטע לייב פון בוים. בין איך נישט צו איינעם פון די ביימער געגליכן — האָב איך געזאָגט צו זיך. הויטן וועלן פאַלן. הויטן וועלן אָנוואַקסן. איך וועל דאָ וואַקסן. דאָ מוז איך וואָרצלען שלאָגן.

די זון איז שוין געווען הויך איבערן קאָפּ. ליכטיקער אומבאַפּעלקערטער הימל. גרינע פעלדער. יישובים. אַ דאָרף. עטלעכע צענדליק הייזקעס.

געריטנדלעך, טויערלעך, טירלעך, פירן צו די הייזקעס. ביימלעך מיט צונויפגעפלאָכטענע קרוינען, אָרומגעשווירענע אין אַ

האַלבן קיילעך. זיי דערמאָנען אין געוועלבטע סופיטן ביים אַריינ־גאַנג פון טעמפלען.

ווייטער פון די שטובן — הינערשטייגן, שטאַלן. פּאַרזייטע שטיקער פעלד שפּרייטן זיך אַרום די הייזקעס. קוקורודזע־שטאַנגען. זונרויזן מיט קיילעכדיקע, געלע קעפּ שטייען מיט די פּאָרנטס צו דער זון, בייגן זיך פון רייפקייט.

געבויגענע איינע צו די אַנדערע, זעען זיי אויס ווי מעשענע טאַצן.

לענג־אויס דעם ברעג ים. נאַכט. חיפה. הר־הכרמל. צעפינקלטע לעמפלעך.

ווייטער פון די צעפינקלטע לעמפלעך ציט זיך דער ים. ביז אילת ציט ער זיך. פון אילת האָבן קעמל־קאַראַוואַנען געצויגן קיין ע ז ה. פון ע ז ה — מיט שיפן צו די ברעגן פון מיטללענדישן ים.

פון מצרים, פון דרום־אַפריקע זענען איסלאַם־פעלקער, דורך אילת קיין מעקאַ — עולה־רגל געווען. מיטן דאָזיקן ים־ברעג — אַ זאַמדיקער, ווילדער — זענען אַ מאָל געגאַנגען גלחים און סוחרים: מרגלים, נזירים און רויבערס. מיט צלם און שווערד. מיט געווער און מיט תפילות.

באַלעבט איז אַצינד דער ברעג. באַמענטשט. באַבוימט.

— נו, עטל? ווי געפעלט דיר דער כרמל ביי נאַכט?

— דער כרמל ביי נאַכט, דער כרמל ביי טאָג. איך דאַרף נישט מער ווי איין ליכטיק פענצטערל.

— ס׳וועט זיין.

— דערווייל, הער איך, פּאָרט מען אין שער־העליה.

— דאָרט ווינען אויך מענטשן.

— אַוודאי זענען מיר נישט די איינציקע.

— עטל, ס'ט געזען די ליידיקע פעלדער, פרדסים, די וויסטע זאַמדן? שטעט וועט מען אויסבויען. יישובים. קיבוצים.

— אָבער, ווי האָט געזאָגט מיין גאָטזעליקער טאַטע; ביז דער קרעשטמע דאַרף מען אויך אַ קאַפּעטשקע...

— אויף דער גאַס, עטל, וועט מען אונדז נישט לאָזן: אַ פּאַלאַטקע? אַ ביידל? „דאַרטן" האָבן מיר געהאַט אַ שטוב אָן אַ לאַנד. וועלן מיר דאָ האָבן אַ לאַנד — אָן אַ שטוב.

— אוי, פאַנטאַזיאָר, פאַנטאַזיאָר.

# קאַפּיטל זיבן

1

אַ שיכון פון צוויי־גאָרנדיקע הייזקעס. צוויי־צימערדיקע דירות. אַ טונקל קאָרידאָרל, וואָס דאַרף אויך זיין אַ קיך: אַ קראַן, אַ וואַסער־שיסל אין אַ ווינקל פון קאָרידאָר. אַ טישל. נעבן טישל — אַ טאַבורעט. אַ פּרימוס. איבערן פּרימוס — אַ הענגשענקל מיט טעפּלעך, טעלערס, לעפל — און אָט האָסטו דיר אַ קיך.

צוויי סוכנות־בעטלעך. אַ שענקל אויף ביכער. פיר שטולן. אַרום שטוב — אַ גערטנדל.

אַ שאָטנבוים האָב איך פאַרפלאַנצט. אַ לעבעדיקן גדר. בלומען.

אַלע הייזקעס פון איין גרייס — קאַסטנס גראָע, גרויסע. קליינע פענצטער — אָן לאָדנס. פּראָנטירן — גלייך אויף דער גאַס אַרויס. אַ גאַניקל אויף אַ מעטער — און שוין איז מען אינעווייניק. פון איין חדר אין אַנדערן — אַ דורכגאַנג די הייך פון אַ מענטש: אָן טירן, אָן פוטרינעס. די פענצטער־ראַמען — פון אַ מין גאָס, אַ געמיש פון ביליקן אַלומיניום און מעטאַל. אַ גאָרן צעמענטטרעפּ אויף שינעס. אַן אייזערנע באַלוסטראַדע דרויסנדיק פון בנין — פירט צום ערשטן שטאָק.

גערטנדלעך אַרום די בלאָקן־הייזער. צווישנווענלעך און אויס־געטראָטענע שטעגלעך. אָפּצוימונגען. קלעטערפלאַנצן אויף שטאַ־

כעסן. ניי־געפלאַנצטע ביימלעך. אויך אַלטע ביימלעך — אַן איבער־בלייב פון אַ פּרדס.

אויסערן שטח האָט אַזאַביימל אַ פּנים פון אַ היימלאָזן מענטש: איינגעדאַרט און געבויגן. איינגעשרומפּן די בלעטער, די צווייגן. די קאָרע — שוואַרץ, שיילט זיך. ווילדע, נישט־דערגאַנגענע פּרות, ווי פּאַרטריקנטע וועלשענע ניס, הענגען מאַכטלאָז אַראָפּ. דער אָפּגעבליאַקעוועטער בלעטערקרוין איז סיי זומער, סיי ווינ־טער אַ נעץ פון זונפעדעם און שפּינוועבס.

אַזאַ שטייגער ביימל ווערט אויפגעריכט, קוים פּאַלט עס אַריין אין עמעצנס אַ גערטנדל. דער אָליוו־גרין פון די צווייגן און בלע־טער איז גרינער, פרישער. אַ לעבעדיקע מראה האָט די קאָרע. זי גיט פון זיך אַרויס אַ ריח, אַ שמעקעדיקן, יונגן.

אַן אויסגעגלייכטער, שטאָלצער שטייט דער בוים. ער איז באַהאָנגען מיט פּרות — גוטע, צייטיקע. די ערד אונטער אים — טעלערמעסיק אַרומגעגראָבן. דער שטאַם — אָפּגעקאַלכט. ס'ביימל באַשיינט דעם גאָרטן. קוועלט פון נחת עלעהיי אַ מענטש, וואָס וויל זאָגן: „ווייל איז דעם, וועמען ס'שפּילט צו ס'ביסעלע מזל."

2

די דאָזיקע ביימלעך, סיי פון דרויסן, סיי פון אינעווייניק, וואָס די האַק פון קאַרטשעווער האָט פאַרמיטן — זענען דער בראשית און דער סוף פון אַ חלום. — —

און ס'ציען זיך צו דעם חלום נייע עולמים פון חרובע היימען, פון פייער־אויוונס, פון וועלדער, פון בונקערס. פון דייטשלאַנד דעם שיינעם, געמיינעם קומט מען.

אויך מיר זענען דאָרט געווען. דריי יאָר אין פּליטים־לאַגער. אָפּט זיך צוגעכאַפּט אין שטאָט אַריין, נישט ווייט פון מחנה.

שפּאַצירט אויף זייערע גאַסן. באַוווּנדערט די ווייטיקלעכע שיינ־קייט, וואָס וואַרפט זיך אַזוי אין די אויגן. עס קלינגט מיר נאָך אין די אויערן זייער אויסגעזונגענער „גריס־גאָט".

פון די פנימער ווייעט נאָך אַלץ מיט יענער קעלט, וואָס פון מאַרמאָרנע סקולפּטורן, צעשטעלטע אויף ראָגן און אין סקווערן. קלאָמפּערשטע פאַרלאָרנקייט, דייטשישע — אין אַ חנופה־מאַנטעלע געהילט. פּרעך מיט וויל־געכאָוועטער געדולדיקייט און ברוגזלעך, קלאָגן זיי זיך אויפן גורל פון „באַזיגטע". פון די פּיראַטן־אויגן לויערט רציחה.

אויף די קינדער לערנט מען רחמנות־פּנימער מאַכן. אויף פּאַרקנס און ווענט שרייבן זיי „יודע פּפעררעקע".

נאָך קינדער האָב איך געזען אין דייטשלאַנד: נעגערלעך בלויאויגיקע. קעפּלעך האָר — בלאָנדע און געקרייזלטע. היימלאָז ראָיען זיי אין די גאַסן, גערטנער, עפּנטלעכע פּלעצער — אויסשיי־טעכץ פון יאַדעשליוו, אַריש בלוט.

אויף מיילן ווייט און ברייט קייטלען זיך די בייערישע אַלפּן. ווי מאַמוטן ליגן זיי — באַוואַלדיקט, באַגראָזט. אין די פּרימאָרגנס איז בלוי־וויאָלעט זייער קאָליר. ביי טאָג, אונטערן קילן, פּיינלעך אומבאַפלעקטן הימל זעט מען די שטייניק שאַרפע אַראָפּהאַנגען: פּלאַכע, קאַנטיקע און הויקערדיקע סקאַלעס מיט טיפע ריסן און תהומען.

אין די פאַרנאַכטן, איידער די זון פאַרגייט, בלייבט נישט איין מאָל גלייכער קאָפּ ליגן אויף שטייניקן קאַרק, ווי אויף אַ קאָוואַדלע. רויטע פונקענשפּריצן פון צעבראַזגעטער זון מישן זיך אויס מיטן וויאָלעט פון די שאָטנס.

טיף אין די בערג: אין די שטיינערנע געדערעם פון די אַלפּן — האָט גענעסטיקט די שלאַנג, די דייטשישע.

איינציקווייז און מאַסנווייז קומט מען דאָ אַהער — פון די קאַרפּאַטן־בערג ביז פון אונטער די בערג אוראַלער.

נייע געצעלטן שטעלט מען דאָ אויף. געצעלטן, בלעכבײַדלעך, צריפים — אונטערן אייגענעם פּאַסיקל בלוי, וואָס איבער דער ערד־רצוע צווישן ים און מידבר. זיי באַדעקן די טאָלן און פלאַכלאַנד פון השרון, די בערג פון יהודה, דעם כרמל און ירושלים.

מילך אין שיכון אַריין האָט געבראַכט צו פירן אַ ייד, אַן עלטערער, אויף אַ קינדער־וועגעלע. איבער די שלעכט ברוקירטע שמאָלע כבישלעך צווישן די שיכון־בנינים האָט ער זיך געשלעפּט מיטן קינדער־וועגעלע און מילכקאַנען.

אַ סך פריער, מיטן בלוי, איז געקומען דער קרח־מאַן*. אַ אַ נידעריקער, ברייטער מאַן מיט אַן אויסראַזירט פּנים, אַ טונקלרויטס, וואָס איז בעתן כעסן זיך איבערגעגאַנגען אין אַלטן בוריקקאָליר.

כעסן זיך איז תמיד געווען פאַר וואָס.

מענטשן מיט האַנטעכער, שמאַטעס אין די הענט זענען תמיד געווען מער ווי די אייזשטאַבעס אין זיין הילצערנעם קאַסטן מיט בעדנאַרקע פאַרקלאַפּט. אַלע האָבן זיך געשטופּט צום גרויסן האָלצקאַסטן אויף גומירעדער. די אייזשטאַבעס — שמאָלינקע, לאַנגע, ווי געשווינדענע הינט — ווערן פון מינוט צו מינוט קלענער, רינען אויס דורך די שפּאַרעס פון קאַסטן.

דער היפּוך פון קרח־מאַן איז דער מילך־ייד. אַ הויכער, דאַרער ייד אין אַ ברייט כאַלאַט. אַ יידיש היטל פון פּראָסטן געוואַנט, אָפּגעבליאַקעוועטן. אַ גראָ בערדל.

ס'קינדער־וועגעלע מיט קאַנען אין זיינע אומגעניטע הענט —

---

*) דער אייז־פאַרקויפער

ריטשעט, מאַכט זיגזאַגן אויפן צעלעכערטן כבישל. ער כעסת נישט. שרייט נישט, דער מילך־ייד. קוים וואָס מען הערט אים רעדן.

מיט אַ לאַנגן, צינענעם שעפלעפל גיסט ער דאָס מילך אין די כלים, וואָס מען שטעלט אים אונטער.

אין דער פרי, אויפן וועג אין משרד אַריין, האָב איך אים באַגעגנט — צוריקגיין. איך האָב געקוקט אויף אים, אויפן וועגעלע מיט די ליידיקע קאַנען — און איך האָב זיך דערמאָנט אין אַ ייד, אין נאָך אַ סך יידן, וואָס זענען שוין נישטאָ מער: מען וועט זיי דאָ נישט זען מער: „טוביה דער מילכיקער".

איך האָב אים געווידמעט אַ ליד אין מיין טאָגבוך.

דאָ גייט ער:
אַ באָרד אַ פלאַמיק צעשטראַלטע,
אַן אַלטע
קאַפּאָטע?

אַן אַלטער ייד מיט יונגע, האַסטיקע שפּאַנען.
אויף אַ וועגעלע — מילך אין די קאַנען.

תחילת טאָג.
אַ שוואַלב אויף אַ צווייגעלע היפערט,
וויל שטערן לעצטן צעפּיקן.
אַ האָן פּאַטשט אַרויס פון פליגל דאָס בלאָ,
די נאַכט מיט אַ קרייען באַגלייט ער —
אין אַטאָ דער שעה
גייט ער.

פון וואַנען, פון וואַנען
אַזאַ טראָט, אַזאַ שפּאַנען ?
ווער ביסטו ?

ווערליק דיין הילוך,
פון פּאָלעס דער פּלי — —
אויף פּנים דער שמייכל,
וואָס טוט אַ פּאַרמסר —
געשוואָרן איך וואָלט :
דאָס ביסטו, דו,
טוביה דער גלוביקער שפּאַסער.
— — —
די סוסים, די קי — מיטן רויך
פּאַרפלויגן אין הימל העט וויט...
מיטן רויך אַוועק איז מנחם
מיט זיינע מיליאָנען — —
געבליבן נאָר דו ביסט : דו
מיט די קאַנען.

# קאַפּיטל אַכט

## 1

**דניאל.**

איך האָב דיך געליבט איידער דיין געבוירן. היינט ביסטו אַ גרויסער. שלאָפסט אין צווייטן חדר. אַ באַזונדערן חדר. און דער וועג צו דיר איז אַזוי ווייט. —

מיין ליבשאַפט צו דיר איז אַ באַן. איבער אַ ליידיק פעלד לויפט די באַן: זכרונות, חלומות. זי לאָזט הינטער זיך סטאַנציעס — ליידיקע טעג, יאָרן. ווייסע בלעטער אין אַ בוך. דאָס נישט־געשריבענע בוך פון לעבן. מיין לעבן. יאָרן זענען אויך — שטח. פאַר וואָס איז דער וועג צו דיר אַזוי ווייט? ווייט, ווי דער וועג צו מיין ערשטער ליבשאַפט — נחמה.

זי האָט די ערשטע אויפגעבראָכן די אייזדעק פון גלייכגילט צו מיר. דאָס שטילע וואַסער פון מרידה איבערגעקאָכט אין ליבשאַפט, קוואַליקער, וואָס שטראָמט פון מיינע טיפענישן, ניסתרע, ריינע.

ס׳איז מיר גוט געווען מיט איר. כאָטש בעת אונדזער צוזאַמענזיין — בין איך געשפּאַנט געווען. שפּאַנונג איז די מאַמע פון שרעק. גוטע שרעק: ווילסט תמיד אויסזען שיין. ווילסט זיין קלוג, אינטערעסאַנט. תמיד ניי. ס׳איז מיר שווער אָנגעקומען. וואָס מער כ׳האָב זיך אָנגעשטרענגט: נישט זיין באַנאַל,

נישט איבערחזרן זיך — אַלץ ווייניקער בין איך געווען — איך.

„נישט אויפהערן איר געפעלן" — האָב איך אין דער שטיל געבעטן. איך בין זיך אויסגעקומען ווי איינער וואָס האָט געפונען אַ גאָלדשטיקל. האָט מורא ער זאָל עס נישט פאַרלירן, אָדער עמעצער זאָל עס אים נישט אויסכאַפּן.

נחמה.

ווען זי וואָלט נישט געווען אַזוי שיין — וואָלט איר קלוג־שאַפט געגנגנט שיין מאַכן איר אין מיינע אויגן: אין אַלעמענס אויגן.

ווער נאָך האָט, ווי דו, נחמה, אַזוי געקענט אַ זאָג טאָן:

„דו האָסט שטיל געעפנט ס'טירל פון מיין האַרץ. זיך אַריינגעגנבעט. קערנער פון ליבשאַפט האָסטו פאַרזייט. מיט פולער האַנט און פון אַ פולער טאָרבע. צעוואָרפן די קערנער אויף מיין יונג צעאַקערט פעלד. געוואַרט געדולדיק ביז די זריעה וועט אויפגיין. און זי איז אויפגעגאַנגען."

פריער — הויך, שמעקעדיק גראָז. נאָכדעם — שלאַנקע זאַנגען־שטענגלעך, פולע, שווערע קעפּלעך מיט ריח פון קאָרנמעל און ברויט. אַז דאָס „פעלד" איז שוין רייף געווען, האָב איך זיך נישט געאיילט שניידן די תבואה. כ'האָב געדולדיק געוואַרט. געשמייכלט צו דער ברכה פון מיין מי: די גוטע, זיסע מי פון דערוואַרטער ליבשאַפט.

איין מאָל גיט אַ מענטש אָפּ זיין נשמה. נחמה, האָסט זי ביי מיר אָפּגענומען מיט אַ קוש, ווי גאָט האָט אויסגעקושט דאָס ליכט פון משהס אויגן איידער ער האָט באַטראַכטן די שוועל פון לאַנד, דעם פאַרשפּראָכענעם. —

וועל איך בלייבן אַ חרוב הויז: אַ פּוסט, צעבראָכן הויז

אַנטקעגן ווערדיקן ליכט פון טאָג? איך הער דאָ אין יעדער רגע פון טאָג דעם קרייזיקן גאַנג פון דער צייט:

דער חלום פון דורות פאַרקנאָטן איז דאָ אין מינדסטן דויער. מוזיק פון שטיין און פון מענטש: אַ סימפאָניע ווערט דאָ גע־מייסטערט. נישט איעדן באַשערט איז אַליין זיין דער מייסטער, דער שפּיגער, דער פאָדעם, דאָס ראָד. —

דער קנעטער אַליין. אַליין די ציגל און דאָס ליים. —

און דו, נחמה, ביסט נישטאָ דאָ.

2

ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק איז דאָ געווען אַ פאַרלעגענע ערד. פּרדסים. אַ ווילד, וויסט געוויין פון שאַקאַלן. נאָך הייַנט וויינען זיי. יאָמערן אין די צעצונדענע שייבלעך אַריין. די ווייסע, ליכטיקע הייזער, ס׳געלעכטער פון די קינדער, וואָס פילט אָן די געסלעך — באַיאָמערן זיי.

אָפּגעווייטערט, פאַרשטויסן און פאַרשטומט איז אַצינד דאָס שאַקאַלן־געוויין. אויסערן שיכון, אויף די נאָך נישט באַוווינטע שטחים, ליגן אַוודאי נאָך די פאַרטריקנטע פעלכעלעך: וואַלגערן זיך די ביינער, סקעלעטן פון די פון הונגער און איינזאַמקייט אויסגעפּגרטע שאַקאַלן.

ערשט אַצינד פאַרשטיי איך פאַר וואָס מיין זיידע, פאַר וואָס אַ סך זיידעס האָבן ווי קמעות געהיטן, באַהאַלטן זעקעלעך ארץ־ישראל־ערד. זיך באַוואָרנט אויף איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר.

זון מיינער.

ער שלאָפט אַצינד אין צווייטן חדר. נאַכט. אין אויסקלאַפּן ס׳חיות פון אייביקע רגעס אָטעמט אַצינד דיין ריין בחוריש האַרץ.

אַטעמט מיט אומרו און פּחדים פון דיין מאַמעס מילך: די מתיקות־דיקע נאַרונג פון יענע ביטערע טעג. הונגער אין סיבירער כאַט־קעלע. שנירעלעך מילכטראָפּנס פילן אָן מיט האָניק־ריחות דאָס סיבירער כאַטקעלע.

דיין מאַמעס צער און האָפענונג — אין דיין בלוטלויף. דו ביסט איר הימל, איר זון, דער אויפקום און פאַרגיי פון טאָג, דער אומקרייז פון אירע מעת־לעתן.

אויך דיין מאַמע מיטן „קבר אין האָרץ" האָט דיך ליב איידער דיין געבוירן. דיך באַגערט, ווען ביסט נאָך געווען — כאַאָס. ליכטיקער כאַאָס. עמבריאָן. אַ קייקעלע לעבן. סובסטאַנץ פון דיין מאַמעס ליבע־הונגער און צער — און מיין רצון צו שיינקייט און לעבן. דו האָסט צוויי פאַלוסן פאַרקניפּט, זון מיינער. אַ קנופּ, אַ בלינדער.

קנויליקע, גרויליקע, שיינקייט.

אַ זאַטער מיט הונגער, מיט פּחד, מיט וויי — ביסטו אַרויס פון דער מאַמעס בויך. מיט אַ געוויין, מיט אַ געשריי, אָן ערשטמאַליקן, איינמאַליקן — ביסטו אַרויס און פון חשך געטראָפן געוואָרן.

דיין פרייד פאַרשלונגען האָט די צעפלאַקערטע שוואַרצקייט צוזאַמען מיט דער ליכט פון טאָג.

דו — גואל, פאַרוווּנדעטער, געטראָפענער נאָך איידער דו ביסט אויף דער וועלט געפאַלן. געפאַלן־געבוירן אין בראָך אין גרעסטן פון מענטשן.

דניאל. — גואל אויפן יסורים־וועג פון דיין טאַטע־מאַמע, באַהאָפטענע מיט צעקריגשאַפט.

פאַר וואָס האָב איך דיך נישט געדריקט צו מיר שטאַרקער, נענטער? איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט:

יאָרן זענען נישט נאָר צייט, נאָר אויך — שטח.

דו ווערסט עלטער, און גרעסער ווערט דער מרחק צווישן אונדז ביידן.

נאַכט אין שיכון.

אָטעמסט אַצינד מיט דער צעקריגטער שוויגעניש פון דיין טאַטע־מאַמע.

ווי חלקים פון אַ צעשניטענעם פיש צאַפּלען אונדזערע טעג, נעכט, יאָרן.

דיין מאַמע.

זי האָט מיך אַרומגענומען מיט דער וואַרעמקייט, וואָס אין מויל פון אַ קאַץ, אַ לייביכע, בעת זי טראָגט איבער אירע קינדער פון אַ סכנהדיק אָרט.

אַ דערשטיקנדיקע וואַרעמקייט.

דאָס איז די ליבשאַפט די גענירשנטע פון מאַמעס, באַבעס אין זייער זאָרג פון וועגן די מענער: די דאגה פאַר זייערע מאַנען צוזאַמען מיט דעם פאַרקנסונג־עול, אמונה, יסורים און שיינקייט, וואָס דאָס משפּחה־לעבן איז מעניק דעם מענטש.

די „פרייע ליבע", מאָדערנע התנהגות, וואָס עטל האָט זיך מיידלווייז צוגעאייגנט, שיילט זיך אַצינד, ווי אַלטע קאָרע פון אַ בוים: ווי פאַליטור פון אַן אומגעהובלעוועט ברעט.

צו שטאָלץ און שעמעוודיק איז עטל, אין דעם זיך מודה זיין. מיין וועלן אָפּצאָלן איר מיט חשיבות, פאַרשטאַנדיקייט וואַרפסט זי אָפּ מיט צניעות און מיט גאווה:

— צו וואָס פאַלשע פאַרגיטיקונג־מטבעות?

— פאַר וואָס פאַלשע?

— ווייל דו וואַרפסט זיי אונטער מיט נגידישער קמצנות.

— עטל, אויך איך לייד מחמת איך קען נישט געבן מער װיפל איך גיב.

— און איך צאָל פאַר דער ליבשאַפט דעם העכסטן פּרייז — מיין לעבן.

— איך צאָל מיט לעבנסלעגגלעכע יסורים.

— מיין ליבשאַפט איז אַ שותף צו מיין אומגליק.

— מיין שותף צו דער עבירה — איז מיין שװאַכקייט.

ביידע לעבן מיט שקר.

שװאַכע נאַטור — דאָס איינציקע בשותפותדיקע פון ביידע.

אַ שונא בין איך דעם „שותפות". די דאָזיקע אייגנשאַפט האָט, אין דער לעצטער ליניע, זיך מצרף געװען צו די קעגנזאַצן און פאַרשלאָסן דעם קרייז פון דיסהאַרמאָניע.

ביידנס שװאַכקייט, דאָס מותר זיין, איז װי אונטערלייגן נאַסע העלצער אויף אַ פאַרדושעט פייער. דאָס פייער האָט געציטערט, געקנאַקט, געעקט זיך און געברענט.

נישט געברענט און נישט געעקט זיך.

מיט יעדן טאָג, יאָר האָט די „שער" פון װידעראַנאַנדן זיך מער און מערער צעעפנט.

קינד, זון אונדזערער — דו ביסט די „שרויף" פון דער „שער": צו שטייף אויף פונאַנדערפאַלן זיך.

צו לויז — אויף צו האַלטן.

3

עטל.

זי איז אַריין אין מיין לעבן, װי אַ זשומענדיקע בין פאַרבלאָנדזשעט אין אַ טונקעלן חדר — פאַרטראַכטע שטילקייט פון אַ בחוריש האַרץ. דו האָסט צעשטערט אַ ליבשאַפט־חלום. ליב־

שאָפּט — ראָד פון בלוט און באַגער, וואָס דרייט זיך קיין מאָל נישט צוריק.

אַ חלום פון אַ גן־עדן אויף דער ערד. — —

אַלט ווי די וועלט איז די ליבע און די שיינקייט: אַלט און יונג ווי דער מענטש, זינט ער האָט זיך געשטעלט אויף צוויי פיס: זינט דער ווילדער בבברר... ברייל איז איבערגעגאַנגען אין אײדעלן קלאַנג פון וואָרט.

עס איז נאָך דעמאָלט צו מיין מח נישט דערגאַנגען, אַז אַ מענטש איז נישט מער און נישט ווייניקער, ווי דאָס וואָס — ער איז.

אַ פאַרבלאָנדזשעטע פליג ביסטו, עטל, וואָס איז מיט יונגן געזשום אַריין דורך אַ זייטיק פענצטערל פון מיין האַרץ.

שטיל און טרויעריק־שיין — זונפאַרגאַנג פון אַ יונגן האַרבסט־טאָג — האָט אויף עטלס פּנים, אַ צעפּיינטס פון הכנעה און אויפ־געצוווּנגענעם גלייכגילט, זיך אָפּגעשפּיגלט די שקיעה פון איר פריער עלטער.

אַ פרוי אין די אָנהייב פערציקער, מיד פון שלאָגן זיך מיט די כוואַליעס פון לעבן, וואָס האָבן אָן רחמים צעאַקערט איר שטערן, איר האַלדז.

אַ פאַרצערט פּנים. פלאַכע בריסט מיט שפּורן פון אַמאָליקער פולרונדיקייט.

הענגענדיקער פידל אויף דער וואַנט. אויסגעשפּילטער פידל.

עטל האָט געוווּסט:

נישט זי האָט ביי מיר געשפּילט „די ערשטע פידל.״

# קאַפּיטל נײַן

1

דניאל.

ער איז שיין. ער ווייסט דערפון. ער ווייסט נישט, וואָס צו טאָן מיט דער שיינקייט. ווייסט נישט וואָס עס פעלט אים, קוועלט אים: אַפילו נישט — וואָס אים איז מהנא.

ער איז בייז אויף זיך דערפאַר. בייז אויף דער חברה, וואָס האָט אין אים דאָס זעלבסטדערקענטעניש־געפיל דערוועקט. ער וויל זיך אויסבאַהאַלטן, דערווייטערן פון זיי און — אַנטלויפט צו זיי.

ער קען נישט גובר זיין די תשוקה צום „שיינעם מין", וואָס וואַרפט זיך אים אין די אויגן, פּיעשטשען אים מיט זייערע בליקן און — איז בייז אויף זיי.

אונדזער ליבשאַפט צו אים, די איבערגעטריבענע זאָרג — האָט געוועקט שטומע מרידה, פּאַסיווע. אָפט — עקספּלאָזיע.

ער ברוגזט זיך. ליידט דערפון. ער ווייסט: ס'אַ שוואַכקייט. מודה זיין זיך אין דער שוואַכקייט — איז ער צו שטאַרק ביי זיך.

ווי אַ מילב אין אַ ניי בגד האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט דער ספק. ער איז אַרויס פון אונדזער רשות. באַלד וועט ער אַ פלי טאָן. אָפּרייסן זיך פון מאַמע־ערד — אַ לופטשיף, וואָס איז צו גראַוויטאַציע־ספערן פון אַנדערע פּלאַנעטן נישט דערפלויגן.

אַ געלאַדענער מיט שטראָם פון מיין גייסט און פליישגעוועב קרייזט ער אום אַ פאַרבלאָנדזשעטער.

כוחות אויסערלעכע געוועלטיקן איבער אים.

ס'טוט מיר וויי: פאַר וואָס איז ער אַזוי אומגליקלעך גלייכ־גילטיק צו זיין גורל. אַזוי אומסובלדיק צו מיר.

מיין לעבן וואָרצלט אין עבר. אין מח, אין האַרץ — הימלט אַ חלום פון אַ זוניקן עתיד.

ער וואַקסט, ווי אַ ווילדער בוים אויפן מיסט פון דער צייט, האַלט זיך אָן מיט אומגעניטע צווייגנהענט אין הווה — דעם מבולבלדיקן, פאַרסמטן פון שפע און שוויל.

אַלע גרוילן פון נעכטן, שטורעמס פון מאָרגן — גייען איבער אים אַריבער.

**דניאל.**

דו ביסט אַצינד אין צווייטן חדר. אין צווייטן בעט. ביי איין טיש זיצן מיר און נעבעטער ביסטו צו זיי — דעם דור פון „אַנטי״. אַנטי צום יש, צו אַלץ, וואָס איז ביז היינט מיט אַזוי פיל מי, אחריות, איינזען און פאַרויסזען — געשאַפן געוואָרן.

איך פאַרשטיי דיך, זון מיינער.

פאַר וואָס זאָל איך דיך נישט פאַרשטיין:

אין מיר איז דיין פחד, דער מענטשלעכער, פאַר דער אומ־אויפהערלעכער מלחמה, וואָס דו — מלחמה־קינד — און דיין דור דאַרף אויסטראָגן אויף די יונגע פלייצעס. יונגע, געזונטע פלייצעס פון אַן אַלט, צעבראָכן פאָלק. איך אָטעם מיט דיין ווי־דערווילן צו טויט, קעגנזייטיקן מאָרד, וואָס טרעפט אַזוי אין אייערע לעבנס, אומדערפאַרענע: רייסט פון אייך אָפּ הענט, פיס, מאַכט אייך פאַר קאַליקעס.

מיר איז פון דעסטוועגן שווער תופס זיין דיין מבטל מאַכן מיך, מיין לעבנס־נסיון: מיין באַציונג צו דער מדינה.

דו, וואָס דאַרפסט זיין דער „ראש־האיל״ — צעשטורעמטע די־

װאַנט פֿון רישעות און גלײַכגילט צו אונדזער מלחמת־הקיום — װערסט װײַטער, װײַטער פֿון דאַנען. דײַן געשטאַלט — אַ שיף, אַן אַפּשװימענדיקע.

מײַן שיף מיט אוצרות.

װאָס בין איך אָן דיר?

רעשטלעך פֿון טאַטנס פּחדים. דעם זײדנס איבערגלויבן מיט אַ ספֿקותדיקן, דבקותדיקן װילן צום לעבן. מעטאַפֿיזישע ליב־שאַפֿט צום מאָרגן און איבערמאָרגן. צום מאָרגנמענטש.

װוּהין שװימסטו מײַן שיף מיט אוצרות גאָלדענע? —

מײַן לעבן דאָ איז װי פֿון אַ קראַנקן נאָך אַ טראַנספּוזיע. דאָס גבֿורהדיקע, אימפּולסיװע, נײַע פֿון קלײנעם, שײנעם לענדל מיטן „שמאָלן העלדזל" האָט, װי אַ פֿלאַש איבערן קאָפּ פֿון אַ קראַנקן, געטראָפּנט דורך גומירערל און נאָדל — װײַטיק און ליבשאַפֿט — אין מײַנע געפֿעסן: אין מײַן פֿלײש־און נערװן־געװעב.

געזונט געמאַכט מײַן גוף און גײַסט.

האַנט בײַ האַנט גײט דאָ דאָס געװײנלעכע, קלײנלעכע מיטן סכּנהדיקן, גורלדיקן. דאָס כּסדרדיקע לעבן מיט דער געפֿאַר פֿאַר־מינערט דעם פּחד אין דער מאָס, װאָס די סכּנה װאַקסט. אַ שטײ־גער: דאָס טרינקען אַלקאָהאָל אין קלײנע דאָזעס. עס װאַקסט אָפּ, די קראַנקע באַקצילן אין גוף, שטאַרקט זײַן װידערשטאַנד־פֿעיִקײט.

אַ נײַ װערנדיק, יערנדיק לעבן גײט דאָ אויף מיט טריט אײליקע: מיט אומרו פֿון װעלן דעריאָגן אַ פּאַרשפּעקטיקטע זאַך.

שװער געריש פֿון בולדאָזערס. געקלומפּער פֿון רעדער, אײ־זערנע צײַן, װאָס עסן זיך אײַן אין װײכן, גרינעם, שװאַרצן, זאַמ־דיקן באָדן.

מען האַקט אויס ביימער. מען פֿלאַסטערט שאָסייען. ברייטע טראָטואַרן. הייזער הויכע, ווייסע מיט גרויסע פענצטער, טעראַסעס.

אַריינגעקוועטשטע אָדער אַרויסגעשטופטע זעען אויס די קליינע הייזקעס, די אַלטע, ווי טאַטעס, מאַמעס געבויגענע, שפּל־דיקע ביי דער זייט פון קינדער — שטאָלצע, אויסגעגלייכטע.

דער סטיל, די אַנדערשקייט אין געבוי, אין געשטעל פון די הייזער אַרויסגערוקטע צו דער גאַס — דערמאָנט אין אַלטן און אין נייעם:

צוויי דורות — איין גורל.

ס'איז מיר נישט איין מאָל אויסגעקומען, אַז די אַלטע בעטן זיך ביי די יונגע: — גייט, קינדערלעך, אין גאַס אַריין. מיט יעדן שפּאַן פאָרויס, שטייען מיר דאָ פעסטער, איינגעפונדעוועטער.

וואָס לענגער איך לעב דאָ, אַלץ קלאָרער ווערט מיר דער זינען פון טווגג, פון זאַכן: דער משמעות פון יש, דער דינאַמישער כוח, וואָס וואַקסט צוזאַמען מיט דער סכנה.

וווּנדערלעכע דויערדיקייט פון אַ פאָלק, אַ סובלדיקס, וואָס גרונדפעסטיקט זיך מיט אַזוי פיל סטאַטישער אומגעדולדיקייט.

2

איך טראָג דעם עול פון אַרבעט, שטוב. אַ ביוראָ־אייגנטימער. אַ קליינע ביוראָ פאַר אַדמיניסטראַטיווע ענינים: אַדורכפירן נאָטאַריאַלע הסכמים צווישן פאַרקויפערס און קויפערס פון דירות, געשעפטן, מגרשים.

שכר־קאָנפליקטן צווישן אַרבעטערס און אַרבעטס־געבערס, וואָס זענען דערגאַנגען צו משפטים.

פינאַנס־ענינים: פקדונות, וועקסלען, טשעקן נישט־געצאָלטע און ספּראָוועס פון עזבונות און יורשים. תיקונים אין יאָר פון

געבױרן, עליה, משפּחה־מצב בשײכות מיט נאַציאָנאַלער פּאַרזי־כערונג און עלטער־פּענסיע.

אַן ערד פּופּצן מינוט פאַרן פון שטוב אין ביוראָ.

אַ קלײנע הילף איז זי מיר, מירה. אַ סך מאָל — אַן עול, אַ קאָפּ־פאַרדרײעניש. הײנט די שטוב? גרױסע דאגות און קלײ־ניקײטן — ביז אַרײנקלאַפּן אַ נאָגל אין װאַנט. דעם שטױב פון מעבל אָפּװישן. איבערװאַרפן די ערד אין גאָרטן. אַרומשערן אַ בײמל, אַ בלום, דעם גדר־חי. באַשפּריצן.

כ׳בין אַ לעבעדיקער חלק פון די זאַכן, װאָס רינגלען מיך אַרום. איך באַשטים זײער סדר. זאָרג פאַר זײער עקזיסטענץ. די זאַכן דיקטירן מײנע טװנגען, באַשטימען מײן צײט פון אַר־בעט, די שעהען פון לײענען אַ בוך, נעמען אַ פען אין האַנט.

איך טו אַלץ מיט אַ גיכקײט פון איבערקומען, פּטור װערן. די טװנגען מידן מיך אײן. לאָזן נישט קומען צו זיך: אַ ביסעלע רו. מײן רו — באַװעגונג פון מחשבה. פלינק און מיט גיכקײט פון אַן איבערקוליקן אַװירון פאַרהײבט זיך מײן גײסט אויף פליגל פון מעטאַפיזישער שימחה. רײסט מיט שטורעם איבער דעם גאַרטל פון גראַװיטאַציע.

איך פלי אין אַ װעלט אַ נײער, דורכזיכטיקער, װי נאַכט אונטער אַן אױסגעשטערנטן הימל. אַ מעטעאָר. קריציק, בליציק שנײדט ער זיך אַרײן צװישן װעלטן — שטערן — לאַמטערנד־לעך על־בלי־מה. בין איך אַ שטערן? אַ מענטש?

נישט תמיד איז דער דמיון אַ מקור פון טעותן. אַט פירט ער מיך — אַ חלל־שיף — צו הײכן סטראַטאָספּערישע. ערשט פון דאָרט זע איך די װעלט די װירקלעכע, פון װאַנען כ׳האָב זיך אַרױסגעריסן.

איך זע זי אין אַלע ליניעס און פאַרבן. איך זע דעם טאָג

און די נאַכט אין זייער אויסוויקלען זיך איינע פון אַנדערן — ערב זייער אַראָפּנידערן: ס'אָנשטויסן זיך פון ליכט מיט פינצ־טערניש: ליבע־סצענעס פון הימל און ערד — ער און זי, איינער אין צווייטן — עראָטישער אַקט, אכזריותדיק שיינער. אָן דעם אַקט האָט די וועלט קיין קיום נישט. די ערדישע וועלט, וואָס רייסט מיך צוריק אַראָפּ, אַראָפּ. זי וועקט מיך פון חלום, ווי אַ מאַמע וועקט אַ קינד צום זייגן.

כ'האָב ליב די רו, די באַוועגלעכע, די שעפערישע און נישט די פוילע, זאַטע רו, וואָס ליידיקט אויס די טעג פון תוכן און טוונג.

נאַכט. חשוון. דער הימל איז אויסגעשטערנט, ווי אין אדר. באַלד דאַרף איך זיך אויפהייבן. גיין אין ביוראָ, צום טיש פּאַפּירן. אַקעגן מיר — ס'טישל פון דער סעקרעטאַרין מירה. פּאַפּירן. בריוו. פּנקסים. אַקטן־טאַשן. מירה ביי דער שרייבמאַשין. ביים טעלעפאָן. כ'זע דאָס ביוראָ, דעם הויף, די גאַס, דעם אויטאָבוס, וואָס פירט צו דער אַרבעט און — כ'שלאָף איין. אַ ווייטיק אונ־טער צוגעמאַכטע אויגן־לעפלעך.

קאַלטע סוף־נאַכטלופט. די לבנה — נידעריק איבערן דאַך פון קעגנאיבערדיקן בלאָקהויז — שיקט אַ פרירנדיקע, מעסער־דיקע ליכט אין אָן־לאָדנדיקן פענצטער אַריין. איך גיי אַראָפּ פון בעט. קוק אַרויס:

ער איז נישטאָ, דניאל. אַזוי שפּעט און מען זעט אים נישט — זאָג איך צו זיך. ער דאַרף שוין פון לאַנג זיין אין שטוב. איך הער זיין אַריינקומען. אין שלאָף הער איך ס'אַראָפּשאָקלען די שיך, דעם שאָרך פון די דזשינסהויזן, וואָס ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ. איך זע אין שלאָף זיין געשטאַלט אויפן סטעזשקעלע צווישן די גאָרטן־פאַרצוימונגען. זיין הויכער, ייִנגלשער סילועט

שטייט מיר פאַר די אויגן.

אפשר איז ער געקומען בעת איך בין געשלאָפן? איז אַצינד ביי זיך אין חדר?

אַ באַרוועסער בין איך אַראָפּ פון געלעגער. צו צו זיין בעט. געטאַפּט דאָס קישן, די קאָלדרע. מיט טאַפּנדיקע הענט, נערוועזע, בין איך צוריק צו צום פענצטער:

— נישטאָ.

ערב־טאָג. אין דער שעה שטאַרבן אַ סך מענטשן. קינדער פאַלן אויף דער וועלט מיט געשריי. פאַר די וואָס זעבען וואַך איז די ערב־טאָג־שעה אַ לאַנגע. —

ער איז נישטאָ, דניאל.

אַ געדיכטער, צעצווייגטער — אַרומגעצומען מיט נאַכט — שפרייט זיך דער שאָטנבוים. איך האָב אים דאָ געפלאַנצט. מיט מיינע הענט געפלאַנצט דעם שאָטנבוים.

מיין בוים. מיין זון.

ביידע זענט איר פאַר מיר אַצינד נאַכט־טונקלעניש, מיסטעריע. איר שוויגט.

מיין האַרץ קלאַפּט מיטן שטראָם פון אייער יונגן וואַקסן: מיטן ריטעם פון די שטערן, די לעצטע, אויפן נאַכטיקן הימל. צעהודעטע שטערן מיט ווייסן, קאַלטן ליכט.

ווי דער בוים שוויגסטו, זון מיינער. באַלד וועט דאָס ליכט פון ערב־טאָג — שאַרף און עזותדיק, ווי דער שטייגער דאָ, אין די מאָרגנס — צעשניידן די שיטערע טונקלעניש.

שאַרף און עזותדיק, ווי מיין ווייטיק. אַ הונגעריקער וואָלף איז די ערב־טאָג־שעה. אין זיינע זוניקע ציינער בלוטיקט דאָס שעפּעלע — מיין האָפענונג.

איך וויל דיך זען אַ גאַנצן, אַ געזונטן, דניאל. דני.

— שלאָפסט, עטל?

— ווי קען איך שלאָפן, אַז ר׳איז נאָך נישטאָ.

— אוודאי האָט ער שוין באַדאַרפט זיין.

— ער האָט אַ סך זאַכן באַדאַרפט...

— וואָס ווילסטו שוין ווידער פון קינד?

— קינד? ווו ביסטו אַצינד, אין סיביר?

— קלוג און קלוג, מאַן מיינער, און שטעלסט קלאָץ־קשיות: אַרויס פון סיביר. איז וואָס? אָבער אַרויסנעמען סיביר פון אים, פון קינד!

— — — סיביר. אַ ווייסער וועג. אַ ווייטער וועג פון „באַלניצע״, ווו ר׳איז געבוירן געוואָרן ביז אין שטוב אַריין? שניי. אַ שניי־דאַך. נידעריקע פענצטערלעך איבערן שניי. דער גוטער איוואַן אויפן שליטן: געהאַרבעטע פלייצע אין אַ קאָזשוך. אַ פּאַפּאַכע מיט קלאַפּעס־אויערן פאַרנורעט אין קאָזשוך. אוקאָס פאַלן די פלאַט־קעלעך שניי. מיר טוליען זיך אונטער איוואַנס ברייטער פלייצע. דניאל — אַ „פּעקעלע״ איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע. קיין צורה פון אַ קינד האָט עס נאָך נישט. פאַר טאַטע־מאַמע איז עס אַ מענטשעלע, אַ וועלט.

קינד — אַ בעכער וויין. פול מיט ריחות, מיט געלעכטער זוניקן, דינינקן — איז די נידעריקע כאַטקע. און כ׳קען מיין ליבשאַפט צו אים נישט שטילן, ווי ס׳קען אַ גרוב אַ לײדיקער זיך נישט פאַר־פילן מיט אויסקאָפּ פון זיך אַליין. אַלע שאָטנס פון שטוב האָסטו פאַריאָגט. דני, פרייד און טרייסט האָבן מיר געשעפּט פון דיר, ווי די פויערים דאָ שעפּן וואַסער פון ברונעם דעם טיפן.

— שוין געגנוג געשטאַנעןביים פענצטער. גיי לייג זיך.

— כ׳קען נישט שלאָפן, עטל.

דניאל.

גייסט אַצינד נאָך דיינע צוואַנציק יאָר, ווי אַ פּאַסטעך נאָך אַ סטאַדע. היט זיי, היט זיי, דיינע שעפּעלעך.

דו ביסט קאַפּריזנע, פאַרעקשנט, אומגעהאַרכזאַם. פאַרסודעט זענען פאַר מיר דיינע מעשים, דיין שווייגן. אויף דיין פּנים, דעם מעלאַנכאָלישן, שיינעם ווילסטו אַרויפציען אַ מינע פון חשיבות, פון אַ מאַנספּאַרשוין, אַ רייפן. ס׳פאַרדריסט דיך אַוודאי, וואָס כ׳האַלט דיך פאַר אַ קינד, פאַר אַ צעפּיעשטשעטע יינגל. טוסט דיין שעמעוודיקייט אָן אַ חוצפה־מאַנטעלע. דיינע ווערטער — פּיילן.

— ווילסט דווקא טרעפן אין מיין פאָטערלעכער גאווה. פּוגע זיין דווקא אין דעם וואָס דו האָסט ליב?

גרויס איז די שיינע מידה פון כבוד־אב: גרויס, ווי דיין בושה אין דער דאָזיקער ליבשאַפט זיך מודה זיין.

די זאָרג פילט מיך אָן מיט רחמים, מיט רוגזה, מיט פחד.

כ׳ווייס נישט ווי אַזוי דיך אַריינפירן אין סוד פון מיין פחד איבער דיין גורל: אָנתכליתדיקע טעג — ליידיקע וואַגאָנעס פון אַ באַן. זי פירט אין ערגעץ נישט, די באַן.

פאַרט און פייפט.

באַטויבט פון רעדער־געוויש שטרעק איך מיינע הענט צום הימל מיט אַ תפילה: — גאָט, היט אים פון שלעכטס און פון קרומע וועגן.

כ׳בין אַוועק פון פענצטער. צוגעלייגט זיך. צוגעמאַכט די ווייטיקדיקע אויגן־לעפלעך: געוואָלט, אַז די ערב־טאָג־שעה זאָל זיך וואָס לענגער ציען.

עטל איז אַנדרימלט געוואָרן. הויך און האַסטיק אָטעמט זי. ריטמיש הייבן זיך אירע אָפּגעדעקטע, פלאַכע בריסט. ס׳אָטעמען גייט איבער אין אַ כאָרכלען.

מידע מאַמע: דניאלס מאַמע.

גערולדיקע, אומשולדיקע.
עטל.

וואַרעמקייט, ווי פון אַ דרימלענדיקער שטוב־חיה ווייעט פון איר.

ריח פון אָפּגעדעקטן פּרויען־לייב און קאַלטער שווייס. קאַלטע מאַרגנליכט דעקט אָפּ איר שיין פּנים — דאָס גרענעצלאָזע, גוטע. דער פּחד פאַרן זון און די ליבשאַפט צו אים און זיין טאַטן — מאַכט איר קרענקלעך פּילבאַר. שטעקט איר אָן מיט פאַרגעפיל, קלוגשאַפט, וואָס קומט פון האַרץ. איר אויער ווערט דינער, שאַרפער: דערשפּירט און דעשיפרירט באַוועגונג אונטער דער אויבערפלאַך פון זאַכן, געשעענישן — אַ סעיסמאָגראַף, וואָס כאַפּט אויף וויבראַציע פון לופטכוואַליעס.

עטל האָט דערשפּירט, וואָס אונטער דער אויבערפלאַך פון מיינע רייד, פון מיין שווייגן.
נחמה.

דער געדאַנק, אַז זי לעבט, אַז זי איז ערגעץ ווו פאַראַן — האָט ווי אַ שטראָם ליכט זיך אַריינגעריסן אין פאַרנאַכט פון מיין לעבן.

ווידער שטייט זי פאַר מיר: אַ פרוי, וואָס דער רייץ פון איר לייב, דער רצון אַריינצודרינגען, דערשלאָגן זיך צום מקור פון איר שיינקייט — בלייבט אייביק סוד. דער סוד פון אַ שטערן, וואָס בשעתן לעשן זיך — דויער פון הונדערטער יאָרן — לאָזט ער פאַלן זיין ליכט אויפן ערדפּלאַנעט דעם אָפּגעקילטן, ווייטן.

פאַר וואָס האָב איך נישט אַ ביס געטאָן פון דער פרוכט, דער פאַרבאָטענער? די פרוי איז דאָך אייגנטלעך איין העלפט פון דער זעלבער פרי. די צווייטע העלפט איז דער מאַן. כ׳האָב זיך נישט איין מאָל צוגעקוקט צו אַ צעשניטענעם עפּל, אַ באַרנע. אין איין

העלפט האָט דער יאָדער אַרויסגעבולט בעת אין דער צווייטער איז געבליבן — אַ חלל.

די באַהעפטונג פון בײדע איז דאָך די װידערפאַרגאַנצונג פון דער פרי. צוויי, מכלומרשט, באַזונדערע טײלן — צוריק אײנס. שלימות.

איך האָב נישט טועם געווען פון דער פרדכט, ווייל זי געהער צו מיר. מײַנע איז די פרי און מײַנער איז דער ווײַנגאָרטן. ווילסטו פריער דיינע חושים אָנטרינקען, זעטיקן מיטן ריח און מיט דער שײנער מראה. וואָס לענגער דאָס וואַרטן — אַלץ גרעסער די גלוסטונג (אפשר אדיך די הנאה פון רייצן זיך מיט דער תשוקה).

דו ווילסט וואָס לענגער האַלטן, כאָוועון די מחשבה פון דער שווידערלעך שײנער, אײביקער מינוט: אַ צײַטיקע, רײַפע — אַן אומגעדולדיקע פון דער צערטלדיקער האַנט — וועט די פרי דיר פאַלן אין מויל אַרײַן.

— שלאָפסט, עטל ?

— ווי קען איך שלאָפן, אַז מען זעט אים נישט.

— דו פיעשטשעסט אים: „זונעלע", „קרוינעלע" — ער צאָלט דיר אָפּ מיט שלאָפלאָזע נעכט.

— שוין געהערט. געהערט דעם פיזמון: די מאַמע, די מאַמע איז שולדיק.

— איך האָב עס נישט געזאָגט.

— געמיינט „אַזוי־צר־זאָגן". וואָסער נפקא־מינה ?

— הייבסט שוין ווידער אָן ?

— ווער ?...

— ששש, אָט גייט ער.

דני האָט שטיל געעפנט די טיר. פאַמעלעך זי פאַרמאַכט.

— וואָס איז געשען, זונעלע ?

— געשלאָפן ביי אַ חבר, אמא.

— פאַר וואָס זשע ביסטו אַזוי פרי אויפגעשטאַנען?

אין זיין צו געלאַסענעם, מבולבלדיקן בליק פון די פאַרשעמטע אויגן (נישט־אויסגעשלאָפענע, פאַררייטלטע ביי די ווינקלען) האָט זיך געזען ספק. ספק — די מאַמע פון שקר, אָנהייב יאוש. ביידע זעצן זיך אויף זיין צו פרי מידער, ריינער נשמה. אַזוי זעצט זיך קאַלך אויפן דנאָ פון אַ טשייניק פון צו פיל און צו אָפט קאָכן.

קאַלך? אפשר שימל, וואָס לייגט זיך אויף ווענט פון שטובן, וווּ ס׳קומט נישט צו קיין זון.

ווער איז שולדיק אין פעלן זון אין מיין שטוב?

מיינע שטומע שאלות, מיין אָפּשווייגן נאָך אַן איבערגעווערטלען זיך, האָט אין עטלען געוועקט חרטה־געפילן. אין די־אָ רגעס פרוווט איר פנים שמייכלען:

— וואָס האָב איך דען געזאָגט?

ווי אַ קינד, וואָס גיסט אויס טינט אויף אַ ווייסן טישטעך, וויל פאַרווישן דעם פלעק און ווייסט נישט ווי אַזוי — האָט עטל זיך געדרייט אין שטוב: גערעדט אַ סך און לאַנג. מיט אירע רייד געוואָלט פאַרווישן דעם „פלעק״ און אים נאָך מער — צעשמירט.

— נו, הער שוין אויף, עטל, גענוג.

— אַז אַ האַרץ איז פול, ווייסט עס נישט פון גענוג.

אין דרויסן טאָגט.

אַ נייער טאָג, אַ גרויסער, פאַרנעמיקער גייט אויף. מיינע טעג. יעדע שעה ווייגט, מאָנט אַ תיקון. אַ גרויסער וועג. ווייטער וועג, אָנסופיקער. די זון גייט אויף. זי גייט מיט מיר אין אָפענעם טאָג אַריין.

און איך קלעטער אין זיך. זוך אַ וועג צום תמצית פון זיין ליכט.

3

איך בין אַרויס פֿון שטוב. צווײ תּחנות פֿון שטוב איז משרד אַריין. איך גיי צו פֿוס.

אַן אויפֿגעשווידערטער פֿון שלעכטס און פֿון שיינקייט — גיי איך אַקעגן דער פֿרייד און בדידות.

כ׳האָב ליב דאָס שווייגן. ס׳איז דער תּמצית פֿון מיין רעדן. אין שווייגן ווערט מיר קלאָרער די עקזיסטענץ פֿון זאַכן: זייער מהות און ממשות.

דער הימל איז אַצינד בלאָ, אומבאַפֿלעקט. דער שטאָטגאָרטן — באַדעקט מיט גרינס.ביימער. בלומען. בענק. איך גיי צו פֿוס. נישט מיט גאַנג איילן, טריט פֿון איינעם, וואָס יאָגט זיך אין דער פֿרי צו אַן אַרבעט — גיי איך.

מיט אויגן אומרויִקע, נייגעריקע, וואָס זוכן אַ פּאַרלאָרענע זאַך (זוכן און ווייסן, אַז זיי וועלן נישט געפֿינען) — שפּאַציר איך פֿאַרביי דעם שטאָטגאָרטן.

יונגע ווייבלעך מיט קינדער־װעגעלעך. זקנים. שוואַנגער־פֿרויען. איך האָב ליב צו זען די פֿרויען מיט די בייכער־גלאָבוסן אין שווערן, וואַקלענדיקן גאַנג. פֿון זייערע ליידנשאַפֿטלעכע, צעעפֿנטע אויגן קוקט אַרויס דער װוּנדער פֿון נייע וועלטן, וואָס באַוועגן זיך אונטער זייערע ריפּן.

ווי שיין זיי זענען דערנאָכדעם, די יונגע מאַמעס. ווי די זון אין וואַסער־טראָפּן שפּיגלט זיך די פֿרייד פֿון די געבוירלינגען אין זייערע אויגן. יונגע מאַמעס — עס שלאָגט פֿון זיי אַ ריח, ווי פֿון אויסגעליידיקטע כּוסות וויין. — —

ווי שיין זיי זענען אין זייער דאגהשאַפֿט פֿון וועגן די קינדער און זייערע מאַנען.

אין די נעכט היגע, הייסע, קומען זיי, די מענער, שעפֿן אין

די סבלנות־ברונעמער פון יונגע מאַמעס — דעם תענוג פון לעבן. די ווייבלעך — טרינקען די רויִע זאַפטן פון באַמאַנונג.

עטלעכע בענק ווייטער, זיצן זקנים. אַוודאי פענסיאָנערן. איינציקע און אין גרופּקעלעך, אויף בענק אין לאַנגע רייען — זיצן זיי. רעדן שטיל. שמייכלען מיט אָנצייניקע מיילער. שמייכלען קינדיש, פאַרגיביק.

געקנייטשטע פּנימער. גראָע קעפּ. אָפּט וואַרפן זייערע שטאַרע, ביייניקע הענט קרישקעלעך פאַר פייגעלעך, טויבן. טשאַטעסווייז פליען זיי אָן. לאָזן זיך אַראָפּ מיט האַסטיקן, שאַרפן פליגלגעפּאַך. באָענט צו די פיס פון די זקנים לאָזן זיי זיך אַראָפּ. פּיקן און האָפּסלען. האָפּסלען און פּיקן דעם אָנוווּרף.

רויטע שנאָבעלעך. פיסעלעך רויטע, דינינקע. מיט אַרבעס־אייגעלעך קוקן די טייבעלעך אַרויף צו די הענט פון וואַנען די קרישקעלעך פאַלן. פּיק. פּיק. פּיק. אַ פּיק און אַ וויג זיך אויף די דינינקע פיסעלעך. אַ וויג און — אַוועק.

אַלע אינדערפרי, אויך אין די פאַרנאַכטן בעתן צוריקגיין פון ביוראָ זע איך זיי. זיצן אָפּט אין האַלבע רונדן. שווייגן. חלומען זיי נישט אויף דער וואָר דעם אייביקן חלום פון יונגקייט?

אַז אַ מענטש ווערט אַלט קערט זיך אום צו אים די קינדהייט. דער גלויבן. די תמימות. ער ווערט גוט, דער מענטש. אויסגע־שטאַנענע, אָפּגעקילטע גוטסקייט.

זי לאַשטשעט זיך, די גוטסקייט, צו אַ וואַרעמער, אויסגעשטרעק־טער האַנט, וואָס זאָל זי אַריבערפירן דעם וועג: העלפן אים אויפזעצן אין אויטאָבוס, אַראָפּגיין פון אַ טרעפּל.

עס דערפרייט זיי אַ שמייכל פון קינדער און פון „שיינעם מין". זיי וועקן דעם זיסן שווידער אין בלוט, דעם פאַרגליווערטן. זיי, די זקנים, האָבן ליב צו ווענדן די פאַרנעפּלטע בליקן, די

אויסגעלאָשענע, צום זונפאַרגאַנג, וואָס איז אַזוי רויט, ווי דער מאָרגן־שטערן.

זקנים, קינדער און — איך: אַ גרויס קינד. אַ יונגער זקן.

גראָד האָב איך געפירט אַ מישפּט פון אַ שוואַנגערפרוי קעגן „מוסד פאַר נאַציאָנאַלער פאַרזיכערונג". עטלעכע מאָל בין איך געווען אין „בית־יולדות": אויפגענומען גבית־עדות. דעם מישפּט האָב איך פאַרשפּילט. איך האָב אָבער געוווּנען — אַ ליד:

פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת
חזרט איבער זיך דער נס
פון בראשית.

דאָ קומען זיי, די דורות.
פון אַלע וועלטווינקלען,
פון שטויבן.
דורך וואַלקנוויי,
געשריי —
קומען דאָ און לייכטן אויף.

דאָ בינדט מען אויף
פון אָנהייבן, סופן אַלע קנופּן:
די „גאָלדענע מיטנס" פון פּאָלוסן צוויי.

אַלע מאָרגנס וויינען דאָ.
חלומען אַראָפּ פון ווייסע, גוטע ווענט.
אין אַ ווייסן פאַרטעך,
מיט שוועסטערהענט
גייט ווער אַרום — —

נאָפּלט אָפּ
גאָטס גאָב.

דאָ אָטעמט די באַשאַפונג
מיט גאַנג דעם בלוטיקן פון דורות.
איבער לייב צעפּיבערטן
פלאַטערט אום איר גייסט:
אַ קוש
און ס'צערטלט שוין דער מאַמעס אויער —
אַ געוויין פון טרייסט.
— — —
אַזוי קומען זיי.
פאַלן אויף דער וועלט, ווי בליצן.
קריצן
אין טאָג, אין ליכטיקן זיך איין
מיט נביאישן געוויין.

# קאַפּיטל צען

1

נאַכט. עטל מאַכט דאָס בעט. זי גיט אַ פּאַטש מיט ווייסע פלאַכטע. און מיר דאַכט אין דער מינוט, אַז דאָס פייער פון לעמפּל איבערן בעט גיט זיך אַ לעש. קען זיך אַן עלעקטריש לעמפּל לעשן?

ניין. אַ קליין נאַפטלעמפּל מיט אַ פּאַרקאָפּטשעט גלעזל איז עס. דער פּאַרהייב פון ווייסן ליילעך איז נישט עטלס. דאָס האָבן אַצינד פאַרבייגעפלאַטערט דער מאַמעס נאַקעטע הענט בעתן שפּרייטן אַ ליילעך אויפן גרויסן שטרוישעניק — „דאָס בעט" פאַר די קינדער. פון צעווינטלטן פאַרהייב האָט דאָס לעמפּל אויף דער וואַנט זיך אַ לעש געטאָן.

נישט תמיד האָבן דער מאַמעס דאַרע הענט, תיכף־ומיד, דערטאַפּט אַ שוועבעלע אין דער פינצטער. פאַר אונדז, קליינ־וואַרג, זענען דאָס געווען די פריילעכסטע רגעס פאַרן שלאָפן גיין.

די מאַמע האָט געסקאַמליעט, זיך געבעטן:

— שטילער, קינדערלאַך. די שכנים איבער דער וואַנט שלאָפן שוין.

און מיר איז אַצינד אַזוי אומעטיק, מאַמע.

באַלד וועלן אין בעט ליגן מאַן און ווייב. פּלייצע צו פּלייצע

וועלן מיר ליגן — שטום און גלייכגילטיק. קאַלטע צוויי רעלסן: נאָענט איינע פון אַנדערע ציען זיי זיך מרחקים ווייט — אַ לעבן לאַנג — און קומען זיך נישט צונויף...

מאַמע.

אַלע יאָר מיט „בייכל". כמעט אַ רגילות געווען ביי מיין מאַמען — צום יאָר אַ קינד. אַ גאַנצע, פולע שוואַנגערשאַפט. קיין „זיבעלעך" האָט מיין מאַמע נישט געהאַט.

מיט דער רגילות איז די מאַמע געראָטן צו דער באָבע חווה — אַ מאַמע פון צען קינדער. אויך ס'ברויט באַקן, וואָס איז נאָך דער חתונה איבערגעגאַנגען צום טאַטן — אַ ירושה פון דער באָבע חווה.

די באָבע האָט געקנעטן די טייגן אין אַ מולטער. געטונקט אין וואַסער די געמאַכטע ברויטלעך און זיי אויסגעפּאַטשט מיט די הענט. אַזוי לאַנג געפּאַטשט ביז די ברויטלעך האָבן באַ־קומען אַ לעבעדיקע מראה — און געשיקט אין אייוועלע אַריין. אַ קליינער אויוון אין ווינקל שטוב מיט אַ טשערין אויף זעקס, אַכט ברויטלעך.

אַרויסגענומען פון אייוועלע — האָט זי זיי אָפּגעמיסקעוועט מיט אַ נאַסער ראַגאָזשע. דאָס ברויט האָט געגלאַנצט, ווי פון אונטערן פּאָליטור אַפּיר.

נעבן אייוועלע שטייט אַ הילצערן באַנקבעטל. זי לייגט דערויף אויס „דאָס געבעקל ברויט", וואָס האָט באַדאַרפט סטייען אויף אַ גאַנצער וואָך: פון דאָנערשטיק ביז דאָנערשטיק.

אַ גאַנצע וואָך האָבן זיך געשניטן די ברויטלעך, ווי שוואַר־צער טאָרט. לעקעך. טעם גן־עדן. „דער קייסער האָט געמעגט עסן דאָס ברויט" — האָט די באָבע זיך באַרימט פאַר די שכנים.

אַ מלחמה־קינד. אַ יאָר זעקס־זיבן בין איך אַלט געווען.

צוויי פּענעצלעך ברויט. אַן עפּעלע, אַ באַרנע אין אַ טאָרבעלע מיט קאַיעטן, ביכלעך — איך גיי אין שקאָלע אַריין.

ווינטער. ס׳שיט אַ שניי. די זילבערנע פּייכטקייט גיט אַרויס פון זיך אַ בלענדיקן גלאַנץ. דער שניי פּריסעט אין די אויגן. נעצט דאָס פּנים. לייגט זיך מיט אַ סקריפּ אונטער די פיס.

שנייִקע טעג.

הויך אויסגעבעטע, מיט איינגעפּרווירענע סימנים פון שליטנס און רעדער ליגט דער שאָסיי. ס׳איז שטיל אין דרויסן. ווייניק מענטשן זעט מען. זיי גייען נישט, נאָר לויפן. קעפּ פאַרהאַרבעטע אין פּלייצעס. פאַלטנס מיט אויפגעשטעלטע קאָלנערס. בושליקן. היטלען מיט אויערן־קלאַפּעס. שאַליקעס. וואַלענע דערעס. נאָכ־מיטאָג־שעה. שטיל אין דרויסן. דאָס איינציקע וואָס וועקט די ווייסע שטילקייט איז דאָס גלעקל־געקלאַנג און ס׳צעהירזשעטע ניסן פון פערד.

פאַרנאַכט.

אין דער שעה גייט דער טאַטע פון בעקעריי אין שטוב אַריין „כאַפּן אַ דרימל". אַ קורצן בעקערישן דרימל ביז די טייגן אין די דייזשעס וועלן אויפגיין. דאָס פייער אין אויוון — זיך אויסברע־נען.

די סאָפּליעס אייז, וואָס הענגען אַראָפּ פון די דעכער, ווי איבערגעקערטע ליכט, אויסגעטריפּטע — דערמאָנען דעם טאַטן: באַלד וועט זיך לעשן דאָס פייער אין אויוון. דאָס טייג וועט אויפּיזיערן און ער דאַרף שוין צוריק זיין אין בעקעריי.

ער איז מיד דער טאַטע. תמיד אַ מידער. מיד כאַפּט ער אָפּ אין דער פּרי דאָס דאַווענען, שלינגט אָפּ דעם אָנבייסן, לייגט ער זיך צו אַ דרימל כאַפּן — קען ער נישט איינשלאָפן.

די קינדער דרייען זיך אַרויס און אַריין. די טיר אויף אַלטע, צעבראָכענע זאַוויעסעס, עפנט און פאַרמאַכט זיך מיט אַ הייזעריק סקריפּען. און די פליגן! ווינטער און זומער, אַ גאַנץ יאָר — פליגן. דער זיסלעך־זויערער טייג־ריח פון טאַטנס נאַקעטע הענט — ציט זיי צו. די פאַרשלאָפענע הענט יאָגן זיי אָפּ. זיי זשומען, רוישן, ווי קליינע אווירונדלעך. זעצן זיך אויפן פּנים, אויף דער נאָז, אויפן האַרץ, דעם האַריקן, אָפּגעדעקטן.

אַ שטענדיקע מלחמה, אַ פאַרשפּילטע, האָבן די פאַרשלאָפענע הענט געפירט מיט די זלידנע, חוצפּהדיקע פליגן. זיי האָבן אויס־געזויגן דעם האָניק פון זיינע ווייניקע רו־שעהען.

איך האָב זיי געפּרוווט פאַריאָגן מיט אַ האַנטעך, מיט פליט. זיי זעצן זיך אויף די געפעסן, אויף שיריים פון טיש. פאַלן עט־לעכע פליגן — זענען נישט אַלע טויט. אַ סך שטעלן זיך צוריק אויף. הינקען אונטער. שלעפּן זיך. פאַלן און הייבן זיך ווידער אויף אויף די פאָדערשטע, אונטערגעבראָכענע פיסלעך. רייבן זיך מיט איין פיסל דעם פייכטן סמיקן פליט־שטויב פון קעפּל, פון די נאַסע פליגעלעך צוגעקלעפּטע צום מיזערנעם גופל: רייבן, מאַסאַזשירן דאָס שטאַרבנדיקע בלוט און טרייסלען מיט די שפּילקע־קעפּעלעך פון האַרבן פאַרדראָס.

דאַנערשטיק ביי נאַכט אויף פרייטיק האָב איך ליב געהאַט זיין אין בעקעריי. אַ גאַנצע נאַכט ברענט דער אויוון. נאָך דריי געבעקלעך ברויט, קנעטן, אויסלייגן אויף די ברעטער, שיבן און אַרויסנעמען פון אויוון — האָט דער טאַטע, פאַר טאָג, ווידער אונטערגעהייצט: אַן אויוון אויף פלעצלעך און בייגל. דאָס פייער איז אַ העלס, די פלאַמען וואַרפן רויטלעכע, בלויע ליכטער. פאַר־יאָגן די לעצטע שאָטנס פון די ווענט.

פון ווייצנטייג אין די דייזשעס גייט אויף אַ ריח, אַ זיסלע־

כער. פון אָפענער טיר יאָגט אַן אַ קיל פאַרטאָגיק ווינטל. ביז אַרויף אויפן פּיעקעליק, אויפן געלעגער פון מעלזעק, ווו איך שלאָף אַ גאַנצע נאַכט — יאָגט אַן ס׳ווינטל.

שלאָף? קען מען דען שלאָפן: אונטן קנאַקן פייערצונגען, אויבן — אַ גרילן פון רויטע קריכערס, פּיזשאַקעס, וואָס אין די שפּאַלטן, ציגללעכער.

ס׳איז מיר פונדעסטוועגן וואַרעם געווען. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס די נאַכט פון דאַנערשטיק אויף פרייטיק איז אַזאַ קורצע.

2

אויך דער מאַמען האָט, קאַנטיק, געצויגן צו דער דאַנערשטיקער נאַכט. זי פלעגט קומען אין בעקעריי העלפן פלעכטן קוילעטשן, מיסקעווען ס׳ברויט, וואַרפן „חלה" אין אויוון אַריין.

זי איז פאַרבליבן ביז אין דער פרי — די מאַמע.

אין דער פרי איז דער מאַמעס פּנים געווען פריילעכער ווי תמיד. אַזוי שיין אויפגעלויכטן. דער טאַטע האָט געברומט אַ ניגונדל. רירעוודיקער זענען די הענט ביים איבערוואַרפן די טייגן פון דייזשע אויף די ברעטער, ביים אַרויסנעמען דאָס ברויט פון אויוון. דריי „קאַוואַליקעס" מעל, וואָס זענען ביי נאַכט געלעגן איינס אויפן אַנדערן, ווי טרעפּ — ליגן אויף דער ערד, איבערגעשטעלטע אין דער לענג: אַ מין געלעגער פאַרשפּרייט מיט עטלעכע זעק.

די דאַנערשטיקע נעכט, ווען די מאַמע האָט ליב געהאַט „פלעכטן קוילעטשן" זענען ס׳רוב אויסגעפאַלן אין ווינטער. לאַנגע נעכט. צווישן איין אַרבעט און דער צווייטער איז דאָ צייט איבערצוכאַפּן אַ וואָרט, תכלית־זאַכן: קינדער וואַקסן אונטער. אַ טאָכטער שוין באַלד אַ כלה־מויד, דרייט זיך אין שטוב. שכר־לימוד.

מלמדות. חובות. וועקסעלעך. ווערמען צאָלן מזומן, וועמען — מיט אַ וועקסעלע. וועמען שרייבן. וועמען מעקן.

אין די קורצע הפסקות פון די דאַנערשטיקע נעכט האָט מען געפּלאַנעוועט און „געדעשעט" זאַכן פון אַ גאַנצער וואָך. וואָרעם אַ גאַנצע וואָך, ווען די מאַמע שלאָפט — אַרבעט ער. ווען אַלע אַרבעטן — שלאָפט דער טאַטע. אין די דאַנערשטיקע נעכט איז אויך צייט געווען אויף „צושפּאַרן זיך". מיין טאַטע פאַרגעסט זיך נישט. — אויך די מאַמע איז נישט קיין פאַרשלאָפענע: ווייסט ווען אים דערמאָנען. — —

אַלע קינדער זענען ביי אונדז געבוירן געוואָרן אין די ערב־ווינטערס — צווישן די ימים־נוראים און חנוכה — אַ פולע, ניין־חדשימדיקע שוואַנגערשאַפט.

דער היפוך פון די דאַנערשטיקס זענען געווען די פרייטיק־צונאַכטסן. איידער מען זעצט זיך צום טיש — ווערט ער אַנט־שלאָפן, דער טאַטע. גליאַמדזשעט ס'עסן. בלייבט זיצן מיט אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ איבערן שבתדיק סערווירטן טיש.

די מאַמע טאָרעט אים, מונטערט ביים וועסט, ביים ווייסן אַרבל, דעם געמאַנגלעוועטן: — נו, נו: ס'עסן ווערט דאָך קאַלט. די קינדער וואַרטן.

לסוף לאָזט זי אים אָפּ, די מאַמע. זי ווייסט: ס'גייט אים אויס דאָס חיות נאָך אַ ביסל שלאָף. און זי דרימלט איין, די מאַמע.

ווי די צוויי געבויגענע, צעטאָפּיעטע ליכט אין די מעשענע לייכטער — זיצן געבויגן צו זיך טאַטע־מאַמע — שלאָפן.

3

איך האָב ליב געהאַט זיצן אַנטקעגן דעם צעפלאַמטן אויוון. פייערצונגען, קאַליריקע, ווי סטענגעס, ברייטע טיכער, ציען

זיך און װערן נעלם אין שװאַרצער פּאַררױכערטער קאַפּע — אַ ציגלװענטל אויף אַן אײַזערנעם פּרענט.

מיטן אונטערװאַרפן שפּאַלעס האַלץ, װאָס דער טאַטע ברענגט אַרײַן פון דרױסן, — צעפלאַקערט זיך שטאַרקער דאָס פײַער.

מיר איז אין די מינוטן פאַרגעקומען ס׳ברענען פון די רשעים אין גיהנום. דאָס פײַער אין אױװן איז אַװדאי אַ שפּילעכל קעגן יענע סמאָלע־אױװנס.

אַלע װאַלד־גזלנים און די גרעסטע שונא־ישׂראל — האָב איך נישט געװונטשן אַזאַ סוף.

און מיר איז אַזױ גוט און װאַרעם. װער קען זיך צו מיר גלײַכן? איך האָב זיך באַשװוירן זײַן גוט און פרום: נישט עובר זײַן אױף דער מיצװה — כּיבוד־אָב.

מײַן טאַטע.

דער ריח פון ראַשטשינעס, טײג, געלאָשענע שװאַרצע קױלן בײַם אױװן איז פאַר אים װי ריח פון שטיקער רױערד — פאַר אַ פּױער.

די הײסע סקלעפּיעניע, די אױסגעװײסטע פון פײַערן — איז זײַן הימל.

טױטראַפּנס אױף זײַן לײַב — זענען די סאַפּליעס שװיס. זײ טריקענען דאָ אױס, די „טױטראַפּנס" — און ס׳זעצן זיך פרישע: זײ באַרעגענען דאָס „פעלד". זײַן פעלד — די בעקערײ — זײַן מאָרגן און איבערמאָרגן.

מײַן טאַטע איז געגליכן צו די פּױערים, װאָס אַזױ לאַנג װי זײ האַלטן די הענט אױפן אַקער — דרײען זײ נישט אױס דעם קאָפּ אױף צוריק.

אינטוּיטיװער יאוש, װאָס קומט פון גרענעצלאָזער ליבשאַפט און מיטגעפיל צום מענטש — האָט צו פרי צעאַקערט זײַן פּנים.

פֿאַרצויגן עס מיט אַ פֿאַרשאָטנטן, שולדיקן שמייכל — אַ וואָלקן איבער אַ זומערפֿעלד: דאָס רויִע פֿעלד פֿון זיין לעבן.

אומגעהובלעוועט, אומגעהאָמעוועט אין זיין פֿרייד, אין זיין צער. אַן אָפּנהאַרציקער, אַ דורכזיכטיקער — איז ער „ס׳גלעזערנע רערל פֿון אַ טערמאָמעטער״, די מאַמע — קוועקזילבער.

ער — דאָס גרויסע געווערק פֿון אַ וואַנטזייגער מיט צוויי הענט — „אומרוען״ — זי — דאָס שפּינדל.

די מאַמע מיט איר פּראָסטן ווייבערישן שׂכל און מאַצבילשן כּח איז געווען זיין אָנשפּאַר, זיין שטיץ.

ער — דאָס וואַקלענדיקע הויז.

זי — די פֿאָדוואַלעניע.

טאַטע: בין איך נישט אַן אויסגעקנאָטענער פֿון דיינע הייסע נעכט — מי און ליבשאַפֿט? ווי דו — אומסובלדיק און ניכנע צום גורל.

דיין ליבשאַפֿט צו אַרבעט, צום מענטש — איז מיר אַ קישן.

דיין חלום צו שיינקייט, צו שלווה, צו מעשׂים־טובֿים — איז דאָס ברויט און דאָס זאַלץ פֿון מיין לעבן.

# קאַפּיטל עלף

1

שבת אין דער פרי. יונגער האַרבסט. ווי אַלע טעג פון דער וואָך — שטיי איך אויף אַ זייגער זעקס. שבת האָב איך ליב די גאָרטן־אַרבעט. די ערד איז טויִק, ווייך, מיט אַ פרישן שפּראָץ באַדעקט. מיט פוס אויף לאָפּעטע שניידט זי זיך, די ווייכע ערד. איך וואַרף זי איבער. דער שפּראָץ, די אָנגעיאָגטע בלעטער — ווערן גנאָי. גוטער גנאָי.

פרוכטבאַרע ערד. אַלץ נעמט אָן. אַלץ וואַקסט דאָ: אַ ציבעלע, אַ מייערל, אַ טאָמאַט. אַ באַרנבוים האָב איך געפלאַנצט, אַ מאַנגאָ. דער שאָטנבוים איז יונג, צעוואַקסן אין דער ברייט. יונג גייט אויף דאָס גרינוואַרג. יונג־אַלט איז דער חלום.

„בכל הלבנון, הדר הכרמל והשרון".

— — דער גאַנצער שטח, אַן אָפּגעגאָסענער פון זון, וואָס פון הינטער די אפרים־בערג, וועט באַזעצט ווערן פון יידישע פויערים. יידישע מיידלעך און יינגלעך מיט שטייפע מוסקלען און ווינטיקע פנימער.

— — ביי די ברעגן פון ירקון וועלן די ניי־געפלאַנצטע אייקאַליפּטוסן רייניקן די פאַרפּעסטעטע לופט. דער ווינט וועט פאַריאָגן די זומען. פון בליעכץ און בלעטער־זאַפּטן צו די זאַמ־דיקע מרחקים. די וואַסערן פון טייך וועלן די בתולה־ערד נאַכ־

גיביקער מאַכן. זי באַפרוכפערן. ס'וועט זיין, ווי דער רבי האָט געזאָגט:

„בישבו בגלעד, בבשן ובנותיה ובכל הלבנון".

פון אונטער אַן איבערגעוואָרפענער ערד־הרודע האָט אַ גרעזעלע צו מיר אַ ווונק געטאָן:

— אויך דו וועסט דאָ וואַקסן, בליען.

שלאַנק גרעזעלע: ווען איך וואָלט לייענען געקענט די גרינע שריפט, די שאַרפע, פון דיין דינעם געוועב, דעם פאַרביקן, רייכן. ווען דו, גרעזעלע, וואָלסט הערן געקענט מיין ליד, דאָס נישט־געזונגענע: — מיין ליבשאַפט צו דיר, צו דער ערד — אַ שנירל צעשאָטענע פערל. איך קלייב זיי אויף, צי זיי אַרויף אויפן שיינעם האַדז פון מטולה ביז אילת; פון הייסן, טרוקענעם שאַרם אַ־שיח ביזן הויכן שנייִקן גולן. איך פאַרבינד זיי, די פערל, און באַשווער:

ביים געלעכטער פון די קינדער, וואָס קוילערט זיך איבער די גאַסן.

ביי די שאָטנס, וואָס דעקן צו די בערג פון ירושלים און די זאַמדן פון נגב.

ביי די קעפּ, באַקרוינטע מיט פּריצייטיקער אַלטשאַפט — טאַטעס, און ביי די זין אויף די גרענעצפּונקטן, וואָס זענען גרייט צו שטאַרבן פאַרן לעבן — באַשווער איך. ווי דו, גרעזעלע, ווי דאָס גרינוואַרג, וויל איך דאָ וואַקסן און געדייען.

אַ קליין לאַנד. מיזוג־גלויות. קיבוץ־גלויות פון... קלימאַטן.

פון תל־אביב דורך ירושלים קיין יריחו — פינף פאַרשיי־דענע קלימאַט־געגנטן, קאָלאָריט און אייגנשאַפט: ים־ברעג, פעלדפלאַכן: אַ פרישע, לייכטע לופטיקייט. פּרדסים־ריח. ווייטער צו דרום — ווייניקער גרינס. די ערד איז האַרטלעך, געלבלעך־

רױט און אַשיק־גראָ. אײלבירטבײמער אײנציקע אויף נאַקעטע, שטײניקע פעלדער. נאָך דעם — אַ בערגיקע געגנט. קילע װינט־לעך, הויכער פעלדזיקער באָדן. ס׳שנײדן זיך קלײנע און גרע־סערע טײכלעך. די ערד איז רױטלעך־גראָ. מען זעט פונדעסט־װעגן פלאַנצן און געװיקסן. יונגע שיטערע װעלדלעך. די לופט — אַ דערפרישנדיקע, קאַלטע. איבער דער הױכקײט — אַ לױטע־רער הימל. און אָט — װידער מיט דעם שיפּוע אַראָפּ, דרום־מזרחדיק — דער באָדן איז גאָלדיק־ברױן, מידבר. נישטאָ קײן פלאַנץ. אױך קײן הױז נישט. קײן לעבעדיק נפש. דער הימל איז װי מיט אַ ליכטיקן נעפּל פאַרצױגן. און װידער — מיט אַ כּביש אַ שלענגלדיקן איבער אַ באַרגהױכקײט — צום טיפן ירדן־טאָל. אַ היץ, טרוקענער אױער. אין די װינטער־חדשים איז דאָ אײראָ־פּעיִשער פרילינג. לעבן רײכן װאַסערקװאַל פון ירחו װאַקסן אַ סך טראָפּישע פלאַנצן. אױך באַנאַנענבײמער הױכע זעט מען. נישט װײט, װי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען — דער ים־המלח.

2

שבת נאָך מיטאָג מאַך איך אָפּט אַ שפּאַציר אױסערן שיכון. צװישן אײן רעגן־כװאַליע און דער צװײטער, אומגעריכט גיט אַ שײן־אױף די זון. זוניקע האַרבסט־שעהען.

האַלט אַזאַ װעטער אָן מער װי עטלעכע שעה, אַ מאָל — אַ מעת־לעת, מײנט מען — ערב־זומער. פרילינג. הײמישער ערב־פּסח. די הײם מיטן הימל טיף בלױען, קאַלטן, דאָס װינטערדיקע װינטל און דער ריח, דער ערב־פּסחדיקער — זענען אַהער אַראָפּ־געקומען. עולה געװען איבער נאַכט איז די גאַנצע לאַנדשאַפט, די דאָרטיקע, מיט די גאַסן, מיט די ייִדן, מיט דער ענגשאַפט, מיט דער בענקשאַפט.

נישט ווייט פון שיכון — אַ נייע געגנט, אַ רייכע, ווילעס, אייך־משפחהקע הייזקעס. עס וויקלען זיך אַרום זיי קליינע כבישלעך — שלאַנגען שוואַרצע, געדרייטע.

אָפּגעשלאָסענע, מיוחסדיקע שטייען די הייזקעס מיט די הינטנס צום הויפּט־כביש און זייטיקלעך צו די שיכונים.

ווילעס פון שטיינבלאָקן און ציגעלעך. רויטע דעכלעך. צוויי־און דריי־פליגלדיקע פענצטער. טיפע גליפן הינטער קראַטן. גזימסלעך קעגן זון און רעגן.

ברייטע, פּאַראַדנע טירן פון גוטן האָלץ, פּיגישן. תמיד זענען די טירן געשלאָסן.

גערטנדלעך אַרומגענומענע מיט מוירעלעך, מיט יונגע ביי־מערצעפּ. געמאַליעוועטע האָלצפּליטלעך. קלעטערפלאַנצן. טע־ראַסעס פון ווייסן שטיין און מאַרמאָר. גראָז.

ביימער־וואַזאָנעס אין גרויסע ערדענע טעפּ. וואַסעררערלעך.

הינט. שווערלייביקע, פעטע, מיט קליינע אייגעלעך — בייזע, חוצפּהדיקע. אָפּגעבונדענע, נאָענט פון די טויערלעך, טירלעך — ליגן זיי. פרייכנדיקע בייכער, ציימלעך אויף די פּיסקעס. וואַר־טשען בעתן דערנײַכען פרעמדע טריט.

ווייניק זעט מען זיי אין דרויסן, די באַוווינער פון די הייז־קעס. צו פיל זעט מען זייערע טאַקסיס נעבן די שטובן, שטוב־גאַראַזשן.

נישט ווייט פון די ווילעס — סימנים פון עולים־לאַגערן. ליי־דיקע, מיט ווילדגראָז באַוואָקסענע שטחים. אַ פּרדס. עטלעכע ברושים — אויסגעטריקנטע, שטויביקע.

אויפן נאָקעטן שטח — בלעכהייזקעס, פּאַלאַטקעס פון גראָען, טונקעלן ברעזענט, צריפים. ווינדעלעך, וואַטענע קאָלדרעס, קישנס, אַרבעטסקליידער צעהאָנגענע אויף דראָט־אָפּצוימונגען.

מיט די פעלדשטענגלעך, זאַמדװעגן קומען און גייען דאָ די מעברה־מענטשן.

שװערע, רוישיקע טראָגן זיך פאַרביי די אויטאָבוסן איבערן כביש. געפּאַקטע פאָרן זיי פון דאַנען אויף רמלה, לוד, רחובות, יפו, תל־אביב.

אַ ריטעם פון אַ נײַ לעבן לאָזט די רויע, שלויע מענטשן־מאַסע איבער אין די שטעט מיט גרויסע, נײַע בנינים, אין די פאַבריקן פון צעמענט, פון פּאַפּיר, בײַ דער זיך אויפבויענדיקער פּאָרט־שטאָט — אשדוד, חיפה, יפו.

קומען צוריק אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהען, אין די פאַר־נאַכטן. שטויביקע פּנימער. אַרבעטסקליידער שווייסיקע, רייסיקע. אויף די אָרעמס — אויסגעלײדיקטע טורניסטערס, ברויטטאָרבעס. אין די הענט — מאָגערע „לאָקשן" — דער טאָגלוין.

אָפּן, אָפּגעדעקט איז דאָס לעבן פון די לאַגערמענטשן. אָפּן פאַר זון און רעגן.

פאַרקװאָרטע ביימלעך. פאַרוויאַנעטע גראָזן. מיסטהויפנס. הימלאָזע הינט. קעץ.

בײַ עטלעכע נישט־פאַרענדיקטע בנינים אויף אַ ליידיקן שטח האָט זיך געדרייט אַן אַלטער מאַן. אַ געבויגענער מאַן אין אַ מאַנטל פון גראָבן געוואַנט.

איך בין שטיין געבליבן נאָענט פון אים.

— אוודאי שיכונים פאַר די מעברה־מענטשן?

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. אַן חשק געקוקט אויף מיר מיט יונגע, קאָלירלאָזע אויגן. זײַן געקנייטשט פּנים, ברוין אָפּגעברענט, האָט אויך געהאַט אַ יונגע, אָפּפרישנדיקע מראה. הויכער שטערן. גראָער, שיטערער האָרשטויס — אַן אײנד־זעלע אויף אַ נאַקעטן קאָפּ. אָפּענער האַלדז און קאָרק — גע־

קאָרבס און צעקעסטלט, ווי ברוינע קראָקאָדיל־לעדער. אַ קענטלעך פּנים. איך האָב אים ערגעץ געזען: דער קאָרק, נאַקעטער קאָפּ... וווּ האָב איך דאָס פּנים געזען? נאָכמיטאָג־שעה ביים ים. מירה און דער יונג אויפן זאַמד. איך — נישט ווייט פון זיי. אַ מאַן שטייט אויפן זאַמד ביים ברעג. אַן אַלטער מאַן אין קורצע באָד־הייזלעך מאַכט גימנאַסטיק. מיט הענט צונויפגעלייגטע, ווי צו אַ תפילה, בייגט ער זיך אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. איך קוק אויף אים.

אויף דער פאַרגייענדיקער זון. אויף מירהן...

, האָט דערפאַר דאָס בילד פון דעם מאַן אַזוי זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון? —

— איר קוקט אויף מיר, ווי כ׳וואָלט אַצינד פון דער לבנה אַראָפּגעקומען.

— ניין, אַדון. איר האָט מיר אין עפּעס דערמאָנט. איך האָב אייך, דאַכט מיר, געזען אַ מאָל ביים ים.

— מיך, ביים ים?

— אויב כ׳האָב נישט קיין טעות.

— מעגלעך. איידער איך גיי אויף שמירה, כאַפּ איך זיך צו צום ים. וווין נישט ווייט פון דאָרט.

— אַזש פון דאָרט אַהער אויף שמירה?

— וואָס זאָל טאָן אַן אַלטער ייד. אַן עולה חדש?

— פון וואַנען?

— אַנטשולדיקט: אַ באַנאַלע פראַגע. נישט וויכטיק פון וואַנען. וויכטיק איז — ווער? חיים־פישלס. האָט איר געהערט אַזאַ נאָמען?

— חיים־פישלס דער... דער...

— יאָ. דער... געוועזענער. ער איז שוין נישט מער דער, וואָס ר׳איז געוועזן.

— אוּאַ, סאַראַ צופאַל. סאַראַ סורפּריז — אַ לאַנדסמאַן.

װער האָט נישט געקענט חיים־פּישלס. דער צװײטער בטלן אין שטעטל נאָך בערעלע מלמד. בערעלע — צו גאָט און חיים־פּישלס — צום „פֿאָטער פֿון די פֿעלקער". ביי בײדע — עקשנות. בלינדער גלויבן. חיים־פּישלס שטוב — האָט מען זיך געװיצלט — איז װי בערעלע מלמדס חדר: מען קנעלט תּורה. באָגדאַנאָװס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע", מאַרקס „קאַפּיטאַל", דיאַלעקטיק און מאַטעריאַליזם. לערע פֿון איבערפּראָדוקציע און מערװוערט.

געהײמע קרײזלעך אין הינטערשטאָטישן װעלדל. חיים־פּישלס תּלמידים קומען אַהײם מיט בלויע שיניאַקעס אויף די פּנימער, מיט באַנדאַזשירטע קעפּ.

געהײמע העקטאָגראַפֿישע בלעטלעך האָבן אַריבערגעפֿליגלט פֿון יענער זײט גרענעץ: געהײמע ראַדיאָ־נײַעס; „עלעקטריצי־טעט און רעװאָלוציע" — לענינס חלום. „דניעפּראָסטראָי — די העכסטע דאַמבע אין דער װעלט". „ליכט פֿון פֿינצטערניש װעט דער שטאָלענער גיגאַנט אַרויסשלאָגן."

און חיים־פּישלס איז מיט אַ מאָל נעלם געװאָרן.

אין נײַנצן נײַן און דרײַסיק, אויף „זאַפּאַדנע", האָט מען געהערט, אַז ער איז אויף פֿאַרשיקונג. אָפּטע אַרעסטן פֿון חיים־פּישלס חברים אין זאַפּאַדנע. טיעפּלושקעס זענען געװאָרן „געסט" אויף װײַט פֿאַררוקטע באַנרעלסן. נישט מען האָט זײ געזען קומען, נישט אָפּפֿאָרן. געהערט האָט מען פֿון הונדערטער, טויזנטער נעלם געװאָרענע. סיביר. קלײנע בריװועלעך. קאָנװוערטן פֿון שאָרסטקע פּאַפּיר. ביטערע גרוסן.

ס'ציִען װאַגאָנעס פֿון װײַטן רוסלאַנד, דורך זאַפּאַדנע, אין דער ריכטונג פֿון דײַטשלאַנד. װאַגאָנעס שװער באַלאָדענע, פֿאַרזיגלטע, איבערגעצויגן מיט פּלאַנדעקעס: װײץ. קוילן. האָלץ.

גומי. אויל. חזרים. אַ לאַך אין דער עקאָנאָמישער בלאָקאַדע „לעכער" אין די רייען פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

מיר זענען געזעסן אויף צוויי שטיינבלאָקן.

— אַהאַ, צי איך האָב געהערט אַזאַ נאָמען — האָב איך נאָך אַ לאַנג שטילשווייגן געענטפערט — ווער האָט פון אייך נישט געהערט? איר פון מיר? זיכער נישט. ווו האָט איר צייט געהאַט צו מענטשן.

— און צו לעבן האָב איך צייט געהאַט?

— איז פאַר וואָס טאַקע נישט אַריינקומען צו מיר. אַזוי נאָענט פון דאַנעט.

— נאָך מיטאָג — אויף שמירה. אין דער פרי — שלאָף איך. כאַפּ זיך אַ מאָל צו צום ים. קוק אַריין אין אַ בוך.

— אפשר קומען צו אייך?

— פּאָזשאַלוסטאַ. ס'איז אָבער ווייט. יפו. איר זענט אַוודאי אַ פאַרנומענער מענטש. און איך בין אַליין. מיט וואָס אייך מכבד זיין? סיידן מיט — אַ בוך.

— אָ, אַז ס'איז דאָ אַ בוך אין שטוב, איז מען נישט אַליין.

— נו, מוז איך אייך עפּעס דערציילן. איר האָט צייט?

— צי איך האָב צייט אייך צו הערן? מיט פרייד. דער גרעס־טער סורפּריז. דער בעסטער צופאַל. אַ פאַרגעניגן מיט אייך צו שמועסן.

שוין געווען טונקל. אַ לייכט ווינטל האָט געיאָגט פון פּרדס — לינקס פון די נישט־פאַרענדיקטע בנינים. חיים־פישלס איז, אַ פּנים, וואַרעם געוואָרן. ער האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, גע־לייגט אים אונטער זיך אויפן שטיינבלאָק.

„אַ בוך איז מיר די וואָך אַריינגעפאַלן אין האַנט — מאַכט ער — אַ בוך נישט פון קיין שרייבער. פון אַן אַרעסטאַנט. כאָטש די

פערזענלעכע ליידן פון באַשרייבער און די „אידעאָלאָגיע" פון אינקוויזיציע זענען מיר גוט, גוט באַקאַנט — שטיי איך אַ גע־פלעפטער פאַר דער סעריע פאַקטן, וואָס דער פראַגער אַרעסטאַנט וויקלט פונאַנדער אויף זעקס הונדערט און צוואַנציק זייטן.

געפלעפט קעגן דעם פערמאַנענטן ליגן, וואָס ווערט מיט אמתע פייניקונגען „דערהויבן" צום שפּיץ פון געפאַלנקייט.

דאָס ביסל יושר־געפיל וואָס דער מענטש האָט מיט זיך מיט־געבראַכט זינט ער האָט זיך אויסגעלערנט די חכמה פון רעדן און גיין אויף צוויי — ווערט ציניש צו נישט געמאַכט.

דו שעמסט זיך צו זיין אַן עדות פון אַזאַ תקופה, וואָס רע־אַגירט אויף דעם קולטיווירטן באַרבאַריזם מיט אַזוי פיל געדול־דיקייט. זענען דען דאָס די ליידן פון איין מענטש ? אורן, דער קרבן — איז דאָך אַ קאָלעקטיוו.

דער קרבן ראַנגלט זיך מיט זיינע פייניקער, וואָס בייטן זיך איטלעכעס מאָל פון מידקייט בעתן אויספאָרשן און איזדיעקעווען זיך איבער אים. זיי פּאַטשן אים אין פּנים אַריין מיט ליגנערישע צינגער און אמתע פויסטן. דער קרבן — „שלאָגט" צוריק מיט אידעישע אויפקלערונגען און מאָראַליזמען. נישט איין מאָל גע־שעט דאָס. נעכט. מעת־לעתן. וואָכן. חדשים גייען אַן די „דיס־קוסיעס" אין די אינקוויזיציע־קעלערן און פאָרש־קאַנצעלאַריעס פון די הויכע שטאָקן אין דער רוזינער תפיסה. דער געפייניקטער וויל איבערצייגן דעם פייניקער אין דעם, וואָס „ער" ווייסט אַליין אויסגעצייכנט.

איז דאָס תמימות, צי גלויבן ? איך בעט אייך. איר זענט מיר פרעמד. אַ לאַנדסמאַן, זאָגט איר. פרעמד זענען מיר אייערע געדאַנקען, מיינונגען. דאָך... פונדעסטוועגן...

גלויבן. אַזאַ זעלבסטפאַרטיידיקונג, מיין איך, איז כאַראַקטער־

ריסטיש פאַר איינעם פון הי, ווו פרייהייט פון דענקען, פון אַרויס־זאָגן זיך — ליגט אין דער טראַדיציע פון אַ פאָלק, וואָס וואָרצלט און וואַקסט אויף אייגענער ערד.

איז עס נישט אַ באַשטימטע גייסטיקע שלמות, אַן אַנשויונג, מיט וועלכער מען לעבט זיך צוזאַמען יאָרן און עס ווערט אַ צווייטע נאַטור ?

איך בין אים מקנא, דעם קרבן. —

אורן זאָגט, דאַכט זיך, ערגעץ, אַז ער האָט נישט קיין כח נישט צו התמענען. עס פעלט אים נאָר דער כח צו התמענען.

נישט ווייניק האָבן צו די נייע מסקנות צוגעהאָלפן, נישט אַזוי די קלעפּ גופא, ווי די הענט וואָס האָבן די קלעפּ געגעבן. הענט פון אַ פאַבריק־אַרבעטער, וואָס דאַרפן בויען און נישט ברעכן. פאַר אורנען איז דאָס געווען אַ דאָפּלטער קלאַפּ. נישט וויכטיק דער טעכנישער אַקט פון אונטערשרייבן אַ פאַלשן פּראָ־טאָקאָל.

אורנס גורל איז געווען אַ געחתמעטער נאָך איידער ער אַליין האָט זיך געכאַפּט ווו און אין וועלכער לאַגע ער געפינט זיך איידער ער האָט אונטערגעשריבן דעם ליגנערישן אַקט.

נאָך אַזאַ שילדערן די יללות און דאָס היסטערישע געוויין, וואָס טראָגט זיך פון קאַמער צו קאַמער און שליסט זיך אַן אין איין גרויסן „כאָר" צו איין גרויס געשריי פון יסורים, אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג — וווּנדערט מיך פונדעסטוועגן זיין זאָגן, דאַכט זיך אַזוי שרייבט ער:

„דער מח, וואָס האָט אינסצעניזירט שקרים איז אַ קאָלעקטי־ווער, פאַרברעכערישער מח פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי, פּראָ־קוראָר און אַ כנופיה אין דער פאַרטיי־פירונג."

פאַר וואָס גייט ער נישט ביזן סוף, דער פּראַגער אַרעסטאַנט ?

פאַר וואָס איז ער געגאַנגען ביזן סוף פון פיזישע און גייסטיקע יסורים בעתן אונטערשרייבן דעם פאַרברעכערישן פּראָטאָקאָל?

עס ווילט זיך נישט דיסקוטירן מיטן קרבן.

חיים־פּישלס אויגן, די קאָלירלאָזע, האָבן זיך מיט אַ מאָל אָנגעצונדן, ווי צוויי פייערלעך פון האַלב־אויסגעברענטע סיגאַ־רעטן, צעזשאַרעטע פון אַ ווינט. דאָס האָבן אַוודאי זיינע מאַרטי־רערישע יאָרן מיט שוידער זיך אַ טראָג געטאָן אין זיינע בלוטן, די אָפּגעקילטע.

איך וויל איר זאָלט מיך פאַרשטיין — רוקט ער זיך צו נענטער צו מיר, חיים־פּישלס, און מאַכט זיך דערביי באַקוועמער ס׳זיצן אויפן מאַנטל — דער אופן פון רעאַגירן אויף שלעכטס קאָן צוליב פאַרשיידענע סיבות זיין אַזאַ און נישט קיין אַנדערער. אָבער ווו איז געזונטער חוש פאַר גערעכטיקייט?

שווער משׂיג זיין, פאַר וואָס אורן דער שרייבער צווינגט אורנען — דעם קרבן — צו לעבן מיט צוויי אמתן.״

3

גלויבן. אַנטוישונג. שיינקייט. שלעכטס. טויט. און איך וויל זיך דערגרונטעווען צום מקור, צום תמצית.

טויט. אַזוי לאַנג, ווי מיר זענען דאָ, איז נישטאָ דער טויט — זאָגט עפּיקור. אַ שיינער זאָג פון אַ פילאָסאָף. יעדער מענטש קאָן אַ מאָל אַרויסשלאָגן אַ רגעדיקע באַרויִקונג.

און וואָס איז אַזוינס צושטאַנד צווישן לעבן און טויט? ווערסט גלייכגילטיק צו יסורים, צו די ציין פון רישעות וואָס זעגן דאָס לייב, די נשמה? מיט אַטראָפּירטע חושים שפּירסטו, ווי אַ גוטע האַנט פּירט דעם גוף, דעם פאַרפּייניקטן, אַרויס פון

**דער ווייטיקוועלט און דער משיח, דער גואל — איילט זיך נישט צו קומען.**

וואָס לענגער ער זאַמט זיך — צעצויגענער, מטושטשער ווערן דיינע לעבנס־מינוטן.

גלויבן — ווונדערלעכער, פאַרוווּנדעטער מלאך...

איך האָב אַרייַנגעשריבן אַ נײַ בלעטל אין מײַן טאָגבוך: אָקטאָבער.

נישט פון הייכן הימלישע קומסטו. דיך געבראַכט האָבן זיבעציק פעלקער; פון ווייטער קאָמי, מיט נעכט העלע, קאַלטע — ביז קאַזאַכסטאַנער הייסע פליינען; פון די בערג קאַווקאַזער — ביז פלאַכער, פינישער קאַרעליע; פון פאַרשטויסענער קאַמטשאַטקע ביז אָדעס — דער רוישיק־פלוישיקער — ווי אַ וויגע האָסטו זיך אַ טראָג געטאָן.

אַ טראָג געטאָן אין הערצער און איבער קעפּ פון פעלקער־פאָלק: איבער דער מענטשן־מאַסע דער שטויביק גלויביקער.

מיט צוזאָג און מיט נס דו האָסט דעם המון דעם סובלדיק־סבלונותדיקן איינגעוויגט. געקאָרמעט אים מיט פּודן גלויבן און מיט ברויט — אויף וואָג.

דעם גלאָק פון בוי און איבערבוי באַפוילן ציען. ציען זיי דעם „גלאָק" פון אַטעיזם און קניען פאַר דעם נייעם גאָט — אָקטאָבער.

אַ וואַלד מיט האָפן אָנגעצונדן האָסטו. ביימער „אַלטע", „פוילע" — אויסגעהאַקט און אויסקאָרניעט: אויך פון מענטשנוואַלד קיין „ביימער" נישט געזשאַלעוועט, נישט געשפּאָרט.

נישט פון הייכן הימלישע קומסטו, גואל.

מיט פליגל אָפּגעשרפּעטע, געזונקטע — צוריק צום לעבן

אומגעקערט האָט דיך דאָס קינד מיט הייסע ליפעלעך ביי מאַמעס טויטער ברוסט: דאָס פּיינגעשריי פון מיליאָנען קעגן נאַצישער מאָרדיאַדע:

דער גייסט פון שלאַכטן, פלאַמיקע, סטאַלינגראַדער.
אָקטאָבער — שוידערלעך־שיינער. שלעכטער.

# קאַפּיטל צוועלף

1

אין דער פרי. כ'שטיי ביים שפּיגל. ראַזיר זיך. מיין פּנים, דאָס אויפגעפרישטע, מיט היפשע שפּורן פון מידקייט — מאַכט מיך שלעכט געשטימט, צעשטערט די אילוזיע פון יונגקייט.

אומפאַרמיידלעכע מידקייט פון אַ „געוויסער" עלטער.

— ער שלאָפט נאָך?

קיינער ענטפערט נישט.

— ווער שלאָפט אַצינד, אין אַזאַ שעה? זקנים, קראַנקע, קינדער אין די וויגן.

— שוין ווידער? וואָס ווילסטו פון יינגל?

— אַ יינגל? אַ בחור פון איין און צוואַנציק יאָר, עטל.

— ער וועט נאָך אַרבעטן. ער וועט זיך נאָך אָנאַרבעטן.

— אַוודאי: אַז מען קומט אַ היים צוויי ביי נאַכט. און די טעג? ווו פאַרטאַכלעוועט ער זיינע טעג? די יאָרן? אַ ביסל צאַמען, עטל! חברה. חברה. וואָס האָט ער פון זיי? וואָס גיט ער זיי? אַ מיידל. אַ חברטע. אַ געליבטע. אַ ווייב.

— שלאָפן מיט אַ ווייב און חלומען פון אַ געליבטער?...

— הייבסט שוין אָן, עטל?

אין דניאלס חדר איז שטיל. מאַכט ער זיך שלאָפן? ניין. איך זע זיין שלאָפנדיק פּנים דורך דער האַלב־אָפענער טיר פון חדר. אַרום זיינע נערוועזע נאָזפליגל פאַרציען זיך צוויי קנייטשן. יונגע,

אומדערפאַרענע קנייטשן, ווי צוויי V־ען — קינסטלעכע הענט. זיי האַמעוועןזיינע באַוועגונגען. זיין לשון. אַזוי יונג אַזאַ שווייגער. קאַרג אויפן וואָרט. קאַרג אויף מעשים. אַזוי נאָענט פון מיר און אַזוי ווייט דער וועג צו אים — מיין קינד.

גרויסער טאָג. רוישיקער טאָג קלאַפט אין פענצטער. ער שלאָפט. שוואַרצער, ווילדער באַרדאַנוווקס מאַכט זיין פנים עלטער, ערנסטער.

מיין זונס פנים — ס׳פנים, ס׳בערדיקע, פון מיין טאַטן.

אַזוי טיף און שווער איז מיין טאַטע געשלאָפן אין די מאָרגן־שעהען נאָך אַ פולער נאַכט אַרבעט. מיט אַקסישער עקשנות און שוואַכקייטן מענטשלעכע, — געשלעפט דעם „וואָגן״. מיט קינדי־שער גלייביקייט — פאַטאַלער אָפּטימיזם — געוואַרט — —

אויף וואָס האָט ער געוואַרט, מיין טאַטע?

אויף וואָס וואַרטסטו, זון מיינער?

איך באַוווּנדער זיין שיין פנים. די צוגעשלאָסענע, סענסועלע ליפּן. די גלייכע ליניע פון דער נאָז ביז אַרויף צו די ברעמען — געדיכטע, טונקעלע.

אַזוי סתירותדיק זיין אויסזען, התנהגות צו מיר, צו מיין טאַטן און (אפשר דערפאַר) — אַזוי ענלעך.

דאָס שווייגן. מעלאַנכאָליע. אָפטער אומבייט פון שטימונגען. קינדיש געלעכטער. ס׳גיכע כעתן זיך. גיך פאַרגעסן און פאַרגעבן.

נאָך אַ סגולה פאַראייניקט אונדז: אַריינלעבן זיך אין דער געפילנוועלט פון צווייטן. איבערנעמען זיך מיט יענעמס ווייטיק און פרייד. אומבאַמערקט ווערט עס געטאָן. מיט אַזוי פיל אינערלעכן ליכט און גלויבן, אַז תיכף טוט עס ווי אַ כישוף־רייף זיך אַ וואָרף איבער אויפן צווייטן — און דער בונד איז געשלאָסן.

ווי באַלד דיין זיין, דניאל, איז אַ נויטווענדיקייט — בין איך

די סיבה. די סיבה פון מיין קיום — איז מיין טאַטע. די לאַנגע אָן־סופיקע קייט פון סיבות פירט צו דער עקזיסטענץ פון יענעם אור־כוח, דעם ערשטן, אומבאַגרענעצטן, אומבאַגרינדעטן — גאָט.

— געגנוג געשפיגלט. גיי שוין צום טיש. די טיי ווערט קאַלט.

אַוודאי האָט זי געוואָלט, עטל, כ׳זאָל עסן. מער פון אַלץ האָט זי געוואָלט כ׳זאָל אַרויסגיין פון שטוב. פאַרשפאָרן רייד, אַמפּער־נישן. שווער שוויגן.

„שלאָפן מיט אַ ווייב און חלומען פון אַ געליבטער ז״.

אַוודאי האָב איך געחלומט אַ חלום:

— — אַן איבערגעבויגענער, קלוגער פרויענקאָפּ איבער מיין געהאָרבעטער פלייצע ביי אַ ליכטיקן שרייבטיש.

— — — אַן איידעלער שמייכל. אַ פאַרשטאַנדיק שוייגן וואָס מאַכט אויפציטערן ס׳האַרץ פון חסד און שלווה.

— — אויסלאָדן אָנגעכוואַליעטן צאָרן, פאַרדראָס, שוימיקע, ביים שטילן ברעג פון פרויִשער געדולדקייט.

און מיך יאָגט אַצינד אין משרד אַריין. פנקסים. ביכער. פּאַראַ־גראַפן. טרוקענע רייד. בריוו, שאַבלאָנע, קורצע, וועגן קליינלעכע, געוויינלעכע ענינים.

שקרים — אָנגענומענע אמתן — דאָס ברויט פון לעבן.

איך וועל קיין מאָל נישט זיין קיין גוטער יוריסט. אַ שרייבער — אַוודאי נישט. איינס פאַרשלינגט דעם צווייטן: שלינגט איין און שפּייט אויס. איך האַלט מיטביידע מלחמה. אַ פאַרשפּילטע מלחמה: אַ שטייגער — אַ פליג רייסט זיך צו דער זון — דורך אַ שויב...

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען.

— האַללאָ, האַללאָ! שלום. מירה.

— יאָ. מירה. וואָס איז געשען?

— גאָרנישט. שוין ניין אַ זייגער און מען זעט אייך נישט. אַדון

אַדלער האָט געפּרעגט אויף אייך. געבראַכט אַלע אישורים: פון קבלן, פון דער עיריה, פון שטייעראַמט. נמרודי יוסף האָט געקלונ־גען: „פאַר וואָס מען רופט אים נישט מאַכן טאַבו״. ער האָט געבעטן איר זאָלט זיך מיט אים פאַרבינדן.

— פאָסט פאַראַן, מירה?

— אַהאָ! אַ סך פּאָסט. טעלעפאָן־חשבון. חשמל. אַן איינלאַדונג אין בית־המשפט. אַ רויט צעטל פון שטייעראַמט. איך האָב היינט אַ שיעור נהיגה. וויל איך אָוועקגיין מיט אַ צוויי שעה פריער. חוץ מזה — איז אַלץ בסדר. ש־לו־ם!

— רגע, מירה!

כ׳האָב געהערט אָוועקלייגן ס׳טרייבל.

איך בין גיך אַרויס פון שטוב. אַנדערע פּנימער זע איך אין אויטאָ־בוס. אויך דאָס פּנים פון נהג איז נישט פון די, וואָס כ׳זע יעדן טאָג. אַנדערע גאַסן. אויף צפון תל־אביב פאַרנעמט ער זיך. אַ טעות. כ׳פאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: צום שפת־הים. שוין נישט איין מאָל אַזאַ טעות געהאַט.

ניין. היינט וועל איך שוין אין משרד אַריין נישט פאָרן. צום שפת־הים פאָר איך. פון גאַס וועל איך קלינגען צו מירהן. זי וויל גיין פריער אַ שעה, צוויי: זאָל זי גיין ווען זי וויל.

2

אַ רעגנדיקער דרויסן. אַרויס פון שטוב איז געווען שיין. מיט אַ מאָל — ווי דער שטייגער דאָ אין די ווינטערס — איז מיט ווילדער פלוצעמדיקייט אַראָפּ אַ רעגן.

איבערגעוואַרט עטלעכע מינוט און ווידער האָט דער הימל זיך צעהעלט. אַ מעסערדיקע זון שנייט זיך אַריין אין אַ וואָלקן. אַ פרישע, יונגע בלויקייט באַפאַרבט דעם האָריזאָנט. פון דער פייכטער

ערד הײבט זיך אויף אַ פּאַרע, אַ דורכזיכטיקע, דאַמפּיקע, העלע. אַ פרילינג־ריח גײט אויף פון די בײמלעך אויף בײדע זײטן טראָ־טואַר. אַ פאַרבײפליענדיקער שאָטן פון אַ שװאַלב — שפּיגלט זיך אין די װאַסערלעך, די שטראָמיקע. אויף רעשטלעך װאָלקנס, שי־טערע, רונדיקט זיך אַ רעגן־בויגן.

א שפּיל, אַ בראשיתדיק יונגע, פון דער אַלטער נאַטור.

אַ שעה, צװײ, האַלט אָן די „שפּיל". אַ מאָל — געצײלטע מינוטן. און עס טרעפט איבער אַ האַלבן, דרײפערטל הימל — פאַרציען זיך װידער װאָלקנס.

אַ רעגנדל נעמט טריפן. גײסט אויפן טראָטואַר און זעסט — אויפן אַקעגנאיבערדיקן טראָטואַר, װאָס האָט דערװײל אַ טריקן געקאָפּט — פאַלן טראָפּנס רעגן. אַ שפּאַגל־נײ זומער־רעגנדל איבערן קאָפּ. אַ בלויער פּאַס הימל. לאַנג בלײבט אין דער ראיה ס׳געבענטשטע פּאַסיקל הימל. װאָלסט געװאָלט, אַז לאַנג זאָל איבערן קאָפּ זײן דאָס לויטערער הימלבלוי.

שטײנערנע בענק לענג־אויס דער שפּאַציר־טעראַסע בײם ברעג ים. איך זעץ זיך צו. דער נעפּל, װאָס װערט פון מינוט צו מינוט דינער, דורכזיכטיקער פון דער אויפגײענדיקער זון — דעקט אָפּ דעם רחבות פון אַ צעשפּילטער, צעשפּיגלטער ים־דעק. דרומדיק מיטן ים — װײטער, אַ סך װײטער פון יפו — זינקט דער נעפּל. די שפּיצבערג װערן װײכער, פלאַכער, אײנגעהילטער אין פאַרטאָגיקן, גרוי־בלויען געלעגער.

נישט קײן נעפּל. אַ דינע נעץ איז עס. אַ מין שעטנז פון זײד־פעדעם און װאַטעצױיטן — צעטעפּעטע, אויפגעלעזטע, בלאָנדע.

איך קוק אויף די קלײנע ים־װעלן — מעװעס מיט צעשפּרײטע פליגל און „בײכלעך" איבערן װאַסער.

כ׳האָב אָפּגעדרײט דעם קאָפּ. אַ מײדל זיצט אויף דער באַנק.

אַזוי נאָענט פון מיר און זי נישט באַמערקט. אַ יונגע. אַ גאָר יונגינקע, מיט נאַכטאויגן. לאַנגע שוואַרצע האָר — פאַרבונדן נאָכ־לעסיק־קאָקעטיש מיט אַ סטענגע.

— שלום, אדון — האָט זי צו מיר אַ ווייסן שמייכל געטאָן. כ׳האָב זי באַטראַכט.

אַ רויט זשאַקעטעלע פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען. אַ זומער־קליידל פון ביליקן שטאָף. נאַקעטע פיס. רויטע לעטשלעך, אָפּגעטראָגענע.

הויכע פיס, דינע, מיידלשע, ווי פון אַ שטרויספויגל — גרייט אַ הייב טאָן און זיך אָפּטראָגן.

— ווער ביסטו, מיידל?

כ׳קאָן זיין דיינע. האָסט אַ שטוב?

איך האָב מיין פאַרוווּנדערטן, עטוואָס אָפּגעווייכטן בליק, פון איר נישט אַראָפּגענומען.

— דאַרפסט זיך נישט בייזערן, אדון. שלום.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און געלאָזט גיין.

אומזיכערע, בלאָנדזשענדיקע טריט פון אַ היימלאָז מיידל. אַ פרעמדע. אָן אומבאַקאַנטע אויפן „שטח״ פון שפת־הים. אַ פראַר־ווינצערין. די „מיידלעך״ פון דער גרויסער שטאָט „פאַרחברן״ זיך נישט אַזוי גיך מיט אַ פרישע צוגעקומענער.

אַוודאי פון דרום־לאַנד: אשקלון, דימונה, באר־שבע. געבראַכט געוואָרן אַהער אויף אַ נאַכט פון אַ גאַסט, אַ גרויסשטאָטישן, אַ צוגערייזטן. מסתמא אויך יונג אין „פאַך״.

עטלעכע מעטער פון מיר האָט רוישיק און מיט אימפעט זיך אָפּגעשטעלט אַ „פאָלקס־וואַגען״. זי איז צוגעגאַנגען. אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין פאָדערשטן פענצטערל. אַ געבויגענע — אַ לעבעדיקער פראַגע־צייכן — איז זי אַזוי אונטערגעשטאַנען עטלעכע רגעס. דאָס

טירל האָט זיך געעפנט. זי איז אַריין אינעווייניק און מיט זיך דאָס טירל פאַרמאַכט.

כ׳האָב געהערט ס׳האַסטיקע אַ לאָז טאָן זיך פון מאָטאָר. דער „פאָלקס־וואַגען״ האָט מיט ווייכן וואָקל זיך אַ ריס געטאָן פון ברעג כביש און אַוועק.

אַ רויִקער ים. אַ ליכטיקער הימל. ערגעץ ווו, ווייט, פאַלן זיךביידע צונויף. ווּהין פירט די ווייטקייט?

ווען איך קען זיך אַצינד אַ הייב־אויף טאָן פון דער דאָזיקער באַנק און אַהין צו אַוועקטראָגן זיך?

בין איך נישט אַן אָפּגעריסענער, בלאָנדזשענדיקער וואָלקן? אַ כוואַליע פון דיינע כוואַליעס: פּלוס פון דיין פלוס? — ים.

אין מיר פאַלט אַריין די זון מיט איר ליכט. די נעכט מיט די מזלות. דער הימל מיט זיין שירה. די נידעריקייט פון דער ערד מיט איר גאווה און טומאה.

איך בין די בייזע כמורנעקייט פון ווינטער: ס׳גאָלד פון שוויגן — פון די שיינע סוף־זומערס — בין איך.

אַלע צייטן טובלען זיך אין מיר. איך בין, ווי דער ים — אַ שפּיגל פאַר אַיעדן פּנים?

דורך זיינע טייכן־אָדערן שטראָמט די צייט צו מיר. אייזקריעס, שטיקער גרונדפעסטן, נאָפּלען זיך אָפּ פון די מוטערבערג און גליטשן זיך אַריין אין מיר.

אַלע ווינטן, שטורעמס, האָבן ביי מיר אַ היים. אַלע שטערנס — אַ געלעגער.

אויף ימס זאַמדיקע ליפּן רוען שיפן. זיי לאָדן אויס דאָס גע־רויש פון פרעמדע לענדער: לאָזן איבער אין מיר — די בענקשאַפט. ים.

שװוער און אומבאַהאָלפן װי דו בין איך. העננ אין תוהו־ובוהו פון באַשאַף און קען זיך נישט דערטראָגן.

כ׳האָב זיך אױפגעהױבן און געלאָזט גײן. כ׳בין נישט געגאַנגען קײן צפון־תל־אביב. נימאס מיר די אױפגעקומענע, אױפגעשװומענע צפון־תל־אביב. די קאַפּעען. פּרצוף־פּנימער — היגע, נישט־היגע, אױסגעבאַרגטע, צוגעאײגנטע סטרױען, גענג. עקסטראַװאַגאַנץ. ריח פון פּערפום. פּודער. שװײס. היפּער־עלעגאַנץ און — קולטיװירטע נאַכלעסיקײט.

איך האָב זיך פאַרנומען מיטן ים־ברעג — אױף יפו.

יפו שטײט מיט אַ פאַרעקשנטן רוקן צו דער ליכטיקער, יונגער, שײנער תל־אביב.

נישט פון תרעומה, אװדאי נישט פון גדלות — שטײט זי אַזױ. אַדרבא: מיט װאָס אַזױנס האָט זי זיך צו גרױסן? מיט די טונקעלע געסלעך, ליקן, מיסטיקע הײף? מיט די לײדיקע שטחים מיט װילדגראָז באַװאַקסענע. מיט דעם אַלטװאַרגמאַרק, (שוק־הפּישפּי־שים*), מיט די נישט־צעקריגטע און נישט־פאַרחבֿרטע הײזער, בודינקעס, בלינדע װענט, שמאָלע, הױכע אַראַבישע פענצטער מיט קראַטן. פאַרזשאַװערטע, קרעציקע באַלוסטראַדן. באַלקאָנען מיט אַרויסשטאַרטשענדיקע אַלטע שינעס און קרישלענדיקן טינק.

אַ געמיש פון לשונות־סטילן, העװיות, הילוכס און פּנימער.

יפו האָט אײן גרױסע, פּרינציפּאַלע גאַס — בוסטרוס. אױך די קאַפעהײזער, געװעלבן, װיסטאַװעס — זענען אַנדערש װי אין תל־אביב.

אַ שול פאַר אשכנזים מיט װענעציקע פענצטער און מאַרמאָרנע, ברײטע טרעפּ: אַ נײַער בנין. ער שטײט מיטן פּאַרנט, מיוחסדיק,

*) דער װאַנצנמאַרק.

צום בוסטרוס — אַקוראַט אַנטקעגן אַראַבישן מעטשעטל מיטן טורעמל. אַן אַלט מעטשעטל — הויך און שמאָל. קרומע, געדרייטע טרעפּ פירן צום שפּיציקן קופּאָל. אויפן קופּאָל — אַ זייגער.

כאָטש יפו איז אַרומגערינגלט מיט שיכונים, נייע הייזער, גלייכ־מאָסיקע, ווייסע מיט שיינע, ליכטיקע באַלקאָנען, גאָרטנס און „לע־בעדיקע גדרס" — איז בוסטרוס נאָך אַלץ די הויפּטגאַס. דער זייגער — אַ געניט אויג, אַ וואַכעדיקס, איבערן יוירעגדיקן, ווערנדיקן לעבן. לעבן, וואָס שטראָמט פון די טונקעלע געסלעך, ליקן און הייף, און פון די הייזער — פון די פּריסטע שעהען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

ווי אַ טייך, אַ שפּרודלדיקער, גיסן זיך אַרויס און אַריין די טעג מיט אייליקן געגיי צו דער אַרבעט: מיט לויף באַשעפטיקטן פון סוחרים, קרעמערס, מעקלערס, טענדלערס. מיט געפּאָר און געפייף פון טאַקסיס, לאַסטאויטאָס, מאַשינען, מאָטאָציקלען. מיט געלעכטער, פריילעכע געשרייען פון קינדער; שושקעניש און איבערוווּנק פון פאַרליבטע פּאָרלעך. ביליקע רעסטאָראַנען, נאַכט־לאָקאַלן און ביליקע פאַרגעניגנס.

ס׳קאָן זיין, אַז דאָס אַלט־שטיגערישע יפו מיט איר נישט ווערן זיך אידענטיפיצירן מיט דער ייִנגערער שוועסטער־שטאָט תל־אביב — שטאַמט גאָר פון אַן אַלטן ייחוס: ייחוס־עצמי.

ווען לענג־אויס דעם ים־ברעג זענען דורכגעגאַנגען קעמל־קאַראַוואַנען: סוחרים מיט טייערע געוואַנטן, קרייטעכצער, גאָלד, קיין ירושלים און מעקאַ — איז די יונגע, קאַקטעשע „שוועסטער" נאָך אויף דער וועלט נישט געווען: אפשר — אַ חלום פון די, וואָס האָבן געפּלאַנט אַהער קומען.

אַן עדות דערויף איז טאַקע דאָס מעטשעטל.

ביז דער באַפרייונגס־מלחמה איז עס געווען אַ תפילה־הויז. אַרויפקומען אַהין האָט נאָר געמעגט דער מועדזין.*

שמאָל, קיילעכדיק, הויך און עטוואָס ברייטער פון אַ פאַבריק־קוימען איז דאָס מעטשעטל. אינעווייניק איז עס אַוודאי ברייטער, ווי עס זעט אויס. דער קופּאָל — אַ רונדיקער שיפּוע מיט אַ שפּיץ.

אַ סך פריער איידער מען קומט קיין יפו זעט מען דעם קופּאָל, דאָס באַלקאָנדל און דעם זייגער.

פון „קוימען", דערציילט מען, האָט טאַקע געפייערט מיט העץ־און היץ־רייד.

מיטן גאַרן געדרייטע טרעפּן, וואָס פירן צום באַלקאָנדל — איז צוויי מאָל אין וואָך אַרויפגעקומען דער מועדזין. אין אַ ווייסן כאַלאַט — אַ מין קיטל — אין אַ שטייפער קעפּקע אַרומגענומען מיט אַ כפייה פלעגט ער זיך באַווייזן. ער האָט נישט גערעדט קיין סך, דער מועדזין. אָפּט — געשוויגן. געשוויגן און פרום פאַרהויבן די הענט, ווי צו אַ תפילה: מיט היילִיקן ציטער אַרויסגעפּרעפּלט:

— לאַדזיהאַד! **

איטלעכס מאָל, ערב אַזאַ תפילה־דרשה, האָבן די גלעקער מוראדיק געקלונגען. פון יפו, דזשעבעליע, תל־אביב און פון אַלע דערבייִיקע מקומות זענען זיי זיך צוזאַמענגעקומען, די אַראַבער. געזאַמלט זיך אַרום דעם מעטשעטל.

מיט הכנעה אין די נאַקנס, פחד אין די אַפּלען און דערשראָקענעם ציטער אויף די ליפּן זענען זיי — מיט די פיס אונטער זיך — געזעסן און מיט שווייגעניש פאַרנומען דאָס פרומע גערייד, דאָס מורמלעניש פון מועדזין.

---

*) גייסטלעכער.

**) צום היילִיקן קריג.

ווי אַ כמאַרע פלעגט צעגיין זיך די מענטשנמאַסע — אַ צע־טומלטע פון אומוויסן.

ס'האָט זיי באַגלייט אַ גלאָקן־געקלאַנג, אַ מאַנאַטאָנער, וואָס איז זיך מיט אָפּהילך צעגאַנגען אין די אָרעמע, טונקעלע, קוויטיקע געסלעך.

ווי אַן אויסגעברענטער קוימען שטייט אַצינד דער זייגער־טורעם אין מיטן בוסטרוס. שוואַרץ די ווענט. דער קופּאָל — אָפּ־געריבן. געבליבן איז דער ציפערבלאַט, די ווייזערס, וואָס ווייזן גאַרנישט:

באַפרייונגס־מלחמה. סיני־אַקציע. די זעקסטאָגיקע מלחמה.

„די שטוב ברענט — דער זייגער גייט."

געבליבן איז, נישט ווייט פון מעטשעטל, אויף דער רינג גע־וועלבער, דער וואַנצנמאַרק און עטלעכע געסלעך — נענטער צום ים — וואָס די האַנט פון צייט האָט זיך צו זיי נישט צוגערירט: געסלעך — שמאָלע, טונקעלע טונעלן. דער בלויער פּאַס הימל גיט, ווי אַ שנעלצוג, אַ פרייליכער, אַ פלי פאַרביי צווישן אַ זייגער צוועלף, האַלב־איינס.

3

דער זייגער אויפן טורעמל האָט פון דער ווייטנס געוויזן צוויי מיט פופצן מינוט. ביז כ'האָב זיך דערנענטערט, האָט דער גרויסער ווייזער זיך אַ רוק געטאָן אויף פינף מינוט. אַזאַ טבע האָבן זיי, די שטאָטזייגערס. קוקסט, קוקסט, און מיט אַ מאָל — אַ פאַל פון ווייזער. זעסט נישט וואָס אינעווייניק טוט זיך. נאָר דאָס פאַלן פון ווייזער — זעט מען. פינף מינוט. צען מינוט. פינף יאָר. צען יאָר. נישט צו פאַרגלייכן — אַ מענטש. ער האָוועט, לויפט. גייט דעם אייביקן, קרייזיקן גאַנג פון לעבן. וואַרפט ער אַ מאָל אַ צופעליקן,

ערשטמאָליקן בליק אין שפּיגל פון לעבן — כאַפּט ער זיך: עלטער געוואָרן. אַראָפּגעפאַלן דער וויזער. —

אָדם — אַ מענטש. זייגער — דריי זיך.

דער וואַנצנמאַרק.

אַלטע חפצים. בגדים אָפּגעטראָגענע. שוכוואַרג. מעבל. שטוב־כלים. סחורות אויפן מעטער און — רעשטלעך. הויזן, מאַרינאַרקעס. נייע, געניצעוועטע. מער ווי תמיד איז דאָס מאָל דער מיטנוועג פון מאַרק אָנגעשטעלט מיט געוועלבלעך, טישן צונויפגעקלאַפּטע פון קאַסטנס. האָלצביידלעך, קרעמלעך פון האָלצשטאַנגען און ברעטער. אין אַ בלעכבודקע, אויף אַ שוסטערבענקל — זיצט אַ בערדיקער ייד. אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ. האַלט אַ שוך אין האַנט. עטלעכע טריט ווייטער — אויף אַן אויסגעשפּרייטער דעקע — ליגן „פּראַזשעט"־לעפל. אַ גאַרבער־מעסער. אַ קופּערנער מערזשער. אַן אָנגעבראָכענער שפּיגל. אַ הענגזייגער מיט צוויי „אומרוען", וואָס רוען געבונדענע צום שוואַרץ פאָלירטן האַלץ מיט מעשענע קייטלען.

אויך לעדערזאַכן זעט מען. אַלטע טעקעס, טורניסטערס. אַ שאַפּערהיטל מיט לעדער־קלאַפּעס און גלעזערנע אויגן. אַן אָפּגעריבן זאָטל. אַן עלטערע פרוי מיט אַ מאַנצבילש פנים, שוואַרצן האָרוואָקס אויף דער אויבערשטער ליפּ — איז די פאַרקויפערין. אַקעגן איר — אַ שפּאָגל־ניי געשעפט פון אַלט מעבל: אַ קרעדענץ מיט גזימסן און שפּיגלען. אַ ביכערשענקל. אַ פאָטעל מיט פּליושענע אָנלענען. אַן אייזערן בעטל, אַ ליגשטול. עטלעכע בענקלעך. אַן אָפּענע שקאַטולקע מיט אָפּגעריבענעם פּאָליעסטרע־גלאַנץ. ווי אַ קאַלט, טויט אייגל קוקט ווינקלדיק אַרויס דאָס ניקלנע שלעסל און דעקט אָפּ דעם סוד — און דעם סוף — פון קליינעם, פּירקאַנטיקן

חפץ, וואָס דער גאַנצער חן דערפון איז אין דער הערמעטישער פאַרמאַכטקייט.

בוטלעס מיט קאָליריקע געטראַנקען אויף קינדער־וועגעלעך. הייסע קוקורודזע פון צעפּאַרעטע קעסלען אַרויס. סאַברעס אויף אייז, און פאַלאַפעל — אויף קאָכעדיקן בוימל.

נענטער צום ים — ליידיקע מיסטפּלעצער. איינציקע, אָפּגעדאַרטע איילבירטן־ביימער. קאַקטוסן. אַ שטאַם פון אַן איבערגעבראָכענער פּאַלמע.

די ערד איז דאָ שטייניק, זאַמדיק. בערגלעך און גרויסע, טונקעלע אויסהוילונגען.

אַן אַלט הויז מיט דורכגעשאָסענע ווענט. פישערשטיבלעך. אין יפו ווערט פרי נאַכט. כהרף־עין פאַלט די טונקלעניש אויף די אַלטע, גרויע בנינים און בלינדע ווענט.

שוין שפּעט. איך בין מיד. אויף אַ שטיינבאַנק, נאָענט פון ים, האָב איך זיך צוגעזעצט. איינגעשלאָפן אַ פּנים. אויפגעמאַכט די אויגן — איז שוין געווען נאַכט.

ווידער ים. שוואַרצע כוואַליעס, שוימיקע, רוישיקע.

אַ בענקשאַפט באַפאַלט מיך. אַ בענקשאַפט צו אַן אזרוועלט, צו וואַלדיקע לענדער. דזשונגל. מיר דאַכט, אַז אַן אָפּקול פון לייבן־געבריל הער איך. און אפשר — אַ שאַלן פון ווילדע אָרקעסטערס? ניין. ס׳איז אַ ניגון. אַ נאָכקלאַנג פון ווייטע און נאָענטע כאָרן: קלאַנגען פון פאַרליבטע, כוואַליעס אין אייביקן „פאָרן" זיך. ווי און תענוג פון „פאָרן", וואָס פלייצט און קרייצט זיך אַריין אין דער שטילקייט פון נאַכט. ס׳איז אַ ניגון, וואָס קוואַלט פון גאָטס גייסט, דער אָנסופיקער ניגון, וואָס נישט איעדער איז אים ראוי צו הערן.

אין די געסלעך, הייף, האָבן זיך געדרייט קעץ, הינט. נישט

יענע בייכלדיקע, זאַטע הינט ביי געשלאָסענע טירן און טויערלעך פון די נגידישע הייזער. היימלאָזע הינט. אָפּגעמאָגערטע, מיט אַרויסשטאַרטשענדיקע ריפּן. ווידלען — איינגעדרייטע צווישן די פיס. זיי שלאָנדערן זיך אויף די מיסטן. אַנטלויפן פאַר יעדן גע־וואַרפענעם שטיין. פאַר יעדן פאַרבייגייענדיקן, וואָס מאַכט אַ תנועה פון וואַרפן אַ שטיין: בילן אויף הינטערוויילעך און לויפן.

קעץ מיט נאָדלוואָנסעס און גרינעם ים־גלאַנץ אין די אויגן. ברייטע לאַפּקעס — געשפּאַנטע צום שפּרונג.

מאָדנע: נאָענט פון די הינט דרייען זיך דאָ די קעץ. די היימלאָזיקייט, דער הונגער, דער הפקר־גורל — פאַראייניקט. זיי האָבן דאָ איין דאַך איבערן קאָפּ — דעם הימל.

גאָטס באַשעפענישן.

אין די נעכט וויגט זיך איין דער ים־געריוש, דער אומאויפ־הערלעכער. דאָס קילע זאַמדביים ברעג, די מאָכיקע, גרינע שטיי־נער — זענען זיי אַ געלעגער.

ווען זיי קענען רעדן, די הינט, די קעץ — וואָלטן זיי אַוודאי דערציילט:

אויך דער ים איז אַ לעבעדיק באַשעפעניש. שלאָפט מיט אַ שטילן, איינוויגנדיקן געפּליס אונטער אויסגעשטערנטער דעקע — נאַכטיקן הימל. אַ מאָל — לייכט צו די לבנה, אַ קלאָרע, אַ יונגע. אַ מאָל — אַ פאַרנעפּלטע, צעפּלאָסענע, ווי שיין פון צעטאָפּיעטן ליכט.

ער קען וויינען, דער ים, ווי אַ מענטש. רעווען ווי אַ לייב, ווי אַ וואַלד מיט לייבן, בעת קאַלטע ווינטן פּאַטשן און בייטשן מיט רעגנשלאַקסן זיין לייב.

אַ גרויס געוויין וויינט ער. זיינע טרערן — כוואַליעס, געזאַל־צענע, גיסן זיך ביז איבער די זאַמדיקע ליפּן — דעם ברייטן ברעג.

אויף פון פרייד ווייסט דער ים. לאַכט מיט אַ צעגלאַנצט, אויס־געליכטיקט פּנים אין די פרילינג־און זומער־טעג. אונטער דורכ־זיכטיקער וואַסערדעק פּראַוועט ער ליבע־סצענעס. לאַכט מיט שוימיק־ווייס געלעכטער און ברומט פון שטילן תענוג.

דריי שיינקייטן האָבן מיך אַרויסבאַגלייט פון יפוער ברעג:

דאָס ליכט פון אַ פולער לבנה.

דער מרחב פון ים.

זיין אוראַלט, אייביק ניי, נישט־געשטילט געזאַנג.

4

עטל איז געלעגן, אין אָנטאָן, אויפן בעט. נעבן איר — דער טראַנזיסטאָר.

— שלאָפסט, עטל?

— כ׳הער ראַדיאָ.

— ווו איז דני?

— דני?

זי האָט זיך אויפגעזעצט, מיט זוכיקע אויגן אַרומגעטאַפּט ביידע חדרים און געזאָגט:

— ר׳איז אַצינד געוועזן. מסתמא אַרויסגעגאַנגען.

איך האָב געשוויגן. ביידע האָבן געשוויגן. דער טראַנזיסטאָר האָט גערעדט:

„דרייצן חיילים געהרגעט. דריי פאַרוווּנדעט. צוויי פאַרכאַפּט."

„שלאַכטןביים סועץ־קאַנאַל." ... „ראַדיאָ קאַיר רופט פאַר־שטאַרקן די קאַמפּס־טעטיקייט."

„דער מצב אויף די גרענעצן — אין צענטער פון די רעגי־רונגס־באַהאַנדלונגען."

„ניקסאָן וועט צושטעלן פאַנטאָמים."

„פון מאָסקווער קוועלן: נישטאָ קיין אויסזיכט, רוסלאַנד זאָל מסכים זיין אָפּשטעלן די געווער־ליפערונגען פאַר די אַראַ־בישע לענדער."

„די דיווערסאַנטן־אַקציעס האָבן דערפירט אויך לבנון צו אַ מצב פון מלחמה מיט ישראל."

— מלחמת־התשה*.

— עטל, אויך צו אונדזער „מלחמת־התשה" נעמט קיין סוף נישט.

— עלטערן טאָרן נישט מיד ווערן.

— עלטערן דאַרפן זיך מאַטערן? אפשר ביסטו גערעכט. פאַר וואָס זעט מען אים נישט אין שטוב?

— ר'וועט מסתמא באַלד אַריינקומען. אַריין און אַרויס. אַריין און אַרויס. ס'ייִנגל קען זיך גאָר קיין אָרט נישט געפינען.

— וואָסי?

— וואָסי? גאָרנישט. אַ טאַטע דאַרף וויסן. אַ טאַטע דאַרף רעדן מיט אַ קינד.

— ווו זאָל איך רעדן מיטן „קינד", אויף דער גאַס?

— אַז ס'יאָגט אים פון שטוב אַרויס.

— ס'יאָגט אים פון שטוב אַרויס?

— יאָ. אַ קינד הערט. אַ קינד זעט אַלצדינג. אַזאַ בחור פאַר־שטייט מער וויפל ער ווייסט.

— ביסט שוין געוואָרן אַ פּסיכאָלאָגין אויך?

— איך בין גאָרנישט. איך בין אַ מאַמע.

— הם... הם... יאָ. דו ביסט אַ מאַמע. און איך וואָס בין?

— נו, שוין. וואָס ווילסטו פון אים? ער איז דאָ. ער דרייט זיך

---

*) אויסמאַטערונג־מלחמה.

לעצטנס גאָר ווי פאַרדימיונטער, דרייט ער זיך. ער איז קיין מאָל אַזוי נישט געווען. איך ווייס נישט. כ׳ווייס נישט וואָס אים איז. ער וועט, זאָגט ער, פאָרן קיין חוץ־לארץ.

— ווען־מען זאָגט ער? וואָס עפּעס חוץ־לארץ? אַמעריקע? אַן אַ פּאַך. אַן אַ שפּראַך. וווהין? צו וועמען? צו די היפּיס. זיי קומען שוין באַלד אַהער. פאַרסמטע נשמות. קראַנקע. קריכן אום אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט, ווי לייז. עסן זיך איין אין פלייש פון געזונטע אָרגאַניזמען. צעשטערן. צעברעכן דאָס, וואָס איז מיט אַזוי פיל מי אויפגעבויט געוואָרן. פאַרברעכערס. מיין זון?

— פאַר וואָס זע איך אים קיין מאָל נישט?

— ער זאָגט מיר נישט ווו ער גייט.

— וואָס עפּעס חוץ־לארץ?

— אויב נישט אַמעריקע, וועט ער גיין אויפן נגב.

— ווער זאָגט?

— ער האָט געזאָגט.

— אויפן נגב?

— אויפן נגב.

— דניאל?

— יאָ.

אַזוי גאָר? זוכט ער, הייסט עס, עפּעס. וויל ער עפּעס געפי־נען. ער איז קיין מאָל אַזוי נישט געווען — זאָגט זי, עטל. וואָס מיינט ער?

— כ׳בעט דיך, פרעג אים, ביסט דאָך אַ טאַטע.

איך — דניאלס טאַטע. האָב איך דאָך נישט איין מאָל געטראַכט דערוועגן. זיין פּנים־אל־פּנים מיט דער אורקראַפט, מיט דער פאַרשווינדערישער שיינקייט פון מידבר. אַן אָנגעצונדענע גליי־ווערט די לופט פון רחבותדיקער שטילקייט. אין דער שטילקייט

גייט אויף דאָס גרויסע ליכט, די גבורה־בלענדעניש פון הימל.

מיין קינד. זון מיינער, פאַרבלאַנדזשעטער. אפשר װעלן דאָרטן, אויף די זאַמדװעגן, ליידיקע, ליכטיקע — אונדזערע טריט זיך באַגעגענען ?

זון מיינער — ניגון װאָס קװאַלט פון מיין גייסט: ריזלט פון אייגענע טיפן צו זוניקע ספערן אַרויף, אַרויף, מיטן שטראָם פון די בלוטן.

און אפשר איז אַלץ אַן אויסדאַכטעניש ? עס דאַכט זיך איר, עטלען, אַז ער װיל גיין אויפן נגב.

די ליבשאַפט איז װאַנזיניק, קאַפּריזנע, נאַריש און בלינד.

עפּעס האָט דאָך אין מיר אויפגעהעלט. עפּעס פאַרבאָרגנס. געפּליסטער. שעפּטש פון ערב־װאָרט. זענען דאָס נישט שרידים פון גרויסן ליכט ? איך װיל רעדן. איך װיל איר עפּעס זאָגן, עטלען. פאַר װאָס לאָזן זיך די װערטער, די ליכטשפּליטערס, נישט פאַנגען ?

— עטל... אַך, אויפן שפּיץ צונג איז עס מיר געלעגן, דאָס װאָרט... פאַרגעסן.

— װאָס ס'טו געװאָלט זאָגן און פאַרגעסן ?

— גיי, עטל, גיי אין קיך אַריין. מ'עט עפּעס איבערכאַפּן.

— אַװדאי אָפּגעהונגערט אַ טאָג. פאַר װאָס האָסטו נישט גע־קלונגען ?

— פאַר װאָס ? גלייב מיר — כ'װייס אַליין נישט פאַר װאָס.

עטל האָט זיך אויפגעהויבן און אַריין אין קיך.

ביידע זענען מיר געזעסן ביים קליינעם קיכטישל. ברויט מיט פּוטער. אַ סאַלאַט פון טאָמאַטן, אייערבירטן, אַ זויער אוגערקעלע, אַ ציבעלע. טיי. שטאַרקע טיי מיט לימאָן. פאַר זיך האָט זי גע־מאַכט אַ שװאַרצע קאַװע.

יונגע, אויפמונטערנדיקע באַוועגונגען. אויסעראָרדנטלעכס, ליכ־טיקס באַפאַרבט עטלס פּנים. די קנייטשן אַרום די צוגעשלאָסענע ליפּן — אויך צעשיינטע, צעשמייכלטע. ווי אַ כּישוף־רייף האָט זיך מיין גוטע שטימונג אויף איר אָנגעטאָן.

דאָס געלאָשענע, שטילע פייער פון עטלס אויגן — גרויסע, גלאַנציקע מער ווי תּמיד — האָט מיך אָנגעשטעקט מיט ליבשאַפט, מיט רחמים. אַ גרויסער צער מיר אויף דער „שטומער צונג״, אויף איר פאַרקלעמט האַרץ.

ביידע האָבן געשוויגן. אַן אַנדער שווייגן איז דאָס געווען. אַ גוטס, אַ מחפּרדיקס.

ביידע האָבן פאַרגעסן די שלעכטע נייעס. אַלטע נייעס. פאַר־ווײַלונגס־לידער, טאַנצמוזיק האָט זיך געריסן פון טראַנזיסטאָר אויפן טיש.

אַוודאי האָט זי געשפּירט דעם שינוי אין מיר, עטל. זי האָט נישט געוווּסט פון וואַנען ער האָט זיך צו מיר גענומען. און איך האָב נישט געוווּסט, ווי אַזוי איר דאָס צו זאָגן. אַ תּפילה פון אירע ליפּן האָב איך אָראָפּגעלייענט:

...יהי רצון... אַזוי לאַנג ווי די פיס וועלן טראָגן — זאָל איר דינען דער שכל און ס׳זאָל איר באַשערט זיין ווידמען אירע טעג און נעכט פאַר די פאַר וועמען זי איז מקריב איר לעבן — מאַן און קינד.

## קאַפּיטל דרייצן

1

מיינע האָר ווערן ווייס. די ציין — שיטערער, לויזער. די טעג — קורצע, און לאַנג זענען די נעכט. שלאָפלאָזע נעכט פון זקנים, וואָס ווילן פאַרהאַלטן דעם אָטעם פון צייט.

די צייט, זאָגט מען, פאַרווייכערט דעם מענטש. וועקט אין אים פּחדים. ער ווערט גוט און פאַרגיביק. זוכסט חשיבות און ליבשאַפט. וואַרעמקייט. די וואַרעמקייט פון אַנדערע ווערט דיר אַ שוץ און אַ שטיץ קעגן די קילע ווינטלעך, וואָס יאָגן אָן פון אַ וועלט — אַ ווייט־נאָענטער: אַ טונקעלער, קאַלטער וועלט. טויט.

דאָס לעבן, די ווירקלעכקייט ווערט אַ חלום. אַ לאַנגער חלום. ערשט דער טונקעלער, ענגער דורכגאַנג פירט צום ליכטיקן טויער פון אייביקע טעג — צום חלום פון אייביקן לעבן.

איך וועל אַוועקגיין. ווידער געבוירן ווערן. אויפלעבן אין זכרון פוןביידע זייטן עקסיסטענץ.

ווער וועט נאָך דעם אָפּוויקלען דעם סוד פון מיין לעבן? אָפּוויקלען, ווי אַ כירורג וויקלט פון באַנדאַזשן אָפּ — אַ וווּנד.

איך וועל אַוועקגיין. נאָך מיר וועלן קומען אַנדערע. וועלן מיך נישט געדענקען. געדענק איך דען די וואָס זענען געווען פאַר מיר? איך שפּיר, איך זע די מינוט, די לעצטע. זי קומט. זי מוז קומען. און איך האָב אַזוי ליב דאָס לעבן. לעב מיט אַ גרייטן זיך

צו עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף קומען. אין כסדרדיקן געיעג נאָך „עפּעס, וואָס דאַרף קומען" — פאַרליר איך דעם חשבון פון צייט: דעם חוש־המציאות.

איך בין אַן אַלטער מאַן.

נאָכגעלאָזענער מיינע פּנים־מוסקלען. די ליפּן — שלאַבעריקער. אַ פייכטקייט אַרום די מוילווינקלען. אונטער די אויגן — שיטערע, בלויע טאָרבעלעך. אויסגעלאָשענער, מוטנער דער בליק. אַ שולדיק שמייכעלע מאַכט מיך אונטערטעניק אין די אייגענע אויגן.

די האָר אויפן קאָפּ ווערן ווייניקער. זיי וואַקסן געדיכט אין די אויערן, אין די נאָזלעכער.

אַן אַלטער מאַן בין איך. די עלטער איז אומפאַרמיידלעך, ווי דאָס שלעכטס.

די יונגשאַפט — איז קורץ און פאַרגענגלעך. דער אמת וועגן טויט ווערט מיר קלאָרער, נענטער. תוכן און תמצית פון לעבן — ליכטיקן אויס אַלע ווינקעלעך פון דער נשמה.

דער טויט האָט קיין פּנים נישט. קיין געשטאַלט. נישט קיין לשון. און ער איז — אַ יש. אַ יש, ווי דאָס לעבן: ווי גאָט — דער באַשעפער פון ביידע. ער איז דאָ, דער טויט. ער זיצט אין מיר. ער שווייגט. זיין כח איז אין שווייגן.

איך רעד צו אים אָפט. טרייסל אים. כאַפּ אים פאַרן האַלדז — וויל ער זאָל רעדן. אַ לעבעדיק וואָרט וויל איך פון אים הערן — און ער שווייגט.

איך וויל אין אים פאַרגעסן — און טראַכט וועגן אים די גאַנצע צייט.

2

און איך זע די נישטיקייט פון לעבן.

צו וואָס קריכט דער וואָרעם? פאַר וואָס לויפט דער הונט, דער הימלאָזער, אין מיטן וועג? וווהין ציט דער וואָלקן, וואָס בייט איטלעכס מאָל זיין מראה, ביז ער צעשווימט זיך, ווערט נעלם?

ווער טרייבט זיי: דעם ווערעמל, דעם הונט, דעם וואָלקן? וווהין? נאָך וואָס?

אַ צער באַפאַלט מיך אויף אַלץ וואָס די אויגן זעען, וואָס דער מוח באַנעמט. אַ צער — אויף זיך אַליין. איך וויין. אַ רחמנות אויף זיך אַליין כאַפּט מיך אַרום. איך וויין מיט טרערן פון אַ קינד, וואָס וויל עפּעס און ווייסט נישט ווי אַזוי צו זאָגן — וואָס עס וויל.

איך בלייב אַליין מיטן רחמנות, מיט די טרערן, מיטן ווילן צו לעבן, מיטן טויט.

ווער וועט גלייבן, אַז אַן אַלטער מאַן וויל נישט שטאַרבן? אַזוי רעד איך צו זיך, צום טויט, וואָס זיצט אין מיר. אפשר וועט ער רחמנות האָבן.

ער שווייגט.

ווייס איך: דאָס לעצטע וואָרט אין שטומען איבערשמועס מיט אים, דעם טויט, וועט זיין — דעם מלאך־המוותס.

אַלטע לייט.

איך זע זיי אַזוי אָפט אין די מאָרגן־שעהען, אין די פאַרנאַכטן.
זיצן אין די שטאָטגאָרטנס, פאַרקן, סקווערן.
אַליין זיצן זיי און בצוותא — אין אַ לאַנגער ריי און
אין האַלבן קרייז. אַראָפּגעשווערט פון יאָרן,
ווי נעכט האַרבסטיקע, פאַרשאָטנטע. יאָרן
ליידיקע, אָן חפץ און אָן כוח. און ס׳צאַנקען
די שעהען, ווי קנייטן טרוקענע פון נאָפּטלעמפּ.

און ס'זינקט די צייט — אַ טומאַן פון טונקעלן געוועב.
זקנים.
קוקן אין דער וועלט אַריין מיט אויגן שלעפעריקע, מידע.
איינער אַנגעלענט מיט שווערן, שוואַכן גוף אַן שטעקן.
אַ צווייטער שפּילט זיך מיט אַ שנירל קרעלן. שמייכלט
קינדיש גוט צום דריטן, וואָס שיט מיט בײדע הענט
קרישקעלעך פאַר טויבן. אַנדערע — דרימלען. מיט
קעפּ אַרונטערגעפאַלענע, אויגן — אויסגעלאָשענע לאַמטערן.
פּאַר נאַכט. אַ שטראַל, אַ לעצטער פון הינטער שאָטנביימער
היעראָגליפט מיט גאָלדשריפט אויפן גראָז:
מאָרגן, בשעת עס וועט צוריק אויפהעלן
וועט, מעגלעך, עמעצער פון אייך נישט זיין מער. — —
עמעצער וועט פעלן. — —
וועל איך נישט זיין דער „עמעצער"?
איך וועל אַוועקגיין. איך זע, שפּיר די מינוט:
אַ ווייטיק, אַ שרעקיקער, ווי סם, גיסט אַן מיינע אברים.
עטלעכע פריינד שטייען ביי מיין בעט. עטל, עטל קרוין, דערלאַנג
מיר דאָס קריגל. איבערקערן עס ביזן דנאָ. — —
— — אַן איבערפּולטער מיט ווייטיק וועל איך געזעגענען צום
פאַרנאַכטיקן פענצטער. אַריינאָטעמען אין זיך לעצטן זונפאַרגאַנג:
הויכע שטילקייט פון יענעם ווונדערלעכן לאַנד, וואָס הינטערן
ברענענדיקן האָריזאָנט.
נאָך דעם — אַוועקלייגן זיך אויפן בעט. אויסציען די פיס.
פאַרמאַכן די אויגן און איבערגעבן זיך אין די ווייכע, וואַרעמע
אָרעמס פון רו און שלווה, וואָס פון יענער זייט לעבן.

## קאַפּיטל פערצן

### ס י ו ם

אַ טאָג פריער, אַ זייגער זיבן פאַר נאַכט בין איך געזעסן מיט מירהן אויף אַ באַנק אין סקווער — צפון־תל־אביב.

זי וויל, זאָגט זי, מאָרגן פריער אַוועקגיין פון דער אַרבעט. אויב ס׳וועט זיין אַ שיינער טאָג, ווי היינט — גייט זי צום ים.

ס׳איז פאַר מיר געווען מער ווי אַ רמז: זיין ביים ים.

טרעפן זיך מיט מירהן אויסער די ווענט פון ביוראָ איז נישט אַ צו אָפטע געלעגנהייט. תל־אביב ביי נאַכט זעט מיר אויס גרעסער, ליכטיקער. אויך די פרויען האָבן אַ באַזונדערע שיינקייט. פאַרפּוצטע, פּערפומירטע, האָבן זיי אויף דיזענגאָף און דערביייִקע גרויסע גאַסן אַן אויסעראָרדנטלעכן, פייערלעכן אויסזען.

ברייטע, שיינע גאַסן. טראָטואַרן. ליכט. לעבן. גרויסשטאָטיש, ביינאַכטיק לעבן.

גרויס די ענגשאַפט. גייסט אויף איין זייט און ס׳דאַכט זיך דיר, אַז אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר — איז רעשיקער שענער, קאָליריקער.

שיינהייטס־סאַלאָנען. בירהאַלעס, רעסטאָראַנען, קאַפעהייזער. אַלע איילן זיך. אַלע קוקן אויף אַלע און איינער זעט נישט דעם צווייטן. רויך, רעש און גערייד. ריחות פון האַרבע מאכלים, געבראָטענע פליישן.

אַזוי פיל ליכט. אַזוי פיל עלנט. אַ בלאָנדזשעניש פאַר אַלעמענס אויגן.

אויך דאָרט, אין די מרומים, גייט אַוודאי אָן דאָס בלאָנדזשעניש, אייביקע, פון פּלאַנעטן, מזלות: דאָס קעגנזייטיקע צוציען און אָפּשטויסן זיך פון הימלישע קערפּערס.

זיכער זענען אין חלל פאַראַן געדאַנק־און געפיל־עלעקטראָנען — אַ טייל פון די עלעקטראָ־מאַגנעטישע און פּסיכאָ־כעמישע דער־שיינונגען, וואָס אויף דער ערד: וואָס אין מענטש און אויסער אים — אין גאַנג פון קאָסמאָס, דעם חומרדיקן.

אויף אַ באַנק זענען מיר געזעסן. אַ פאָנטאַן אין מיטן סקווער. פון פינף שלאַנגען־פּיסקלעך פאַרהייבן זיך וואַסערערלעך. אַרויף, אַרויף שטראָמען זיי די שמאָלע, קרישטאָלענע וואַסערערלעך — געשליפן גלאָז. זיי שלאָגן זיך אָן איינס אין אַנדערן. צעברעכן זיך און פאַלן פון דער הייך, צעבראָזגעטע, צוריק אין וואַסער־שפּיגל.

ס׳ליכט פון די קאָלירקע נעאָנלאָמפּן רייסט זיך דורך די בלע־טערקרוינען פון די הויכע ביימער, וואָס איבער די בענק.

ליכט און שאָטן פאַלט אויפן נידעריק געשניטענעם גראָז, אויף די אַספאַלט־וועגעלעך, וואָס כאַפּן דעם אויסזען פון טיגערנע פעלן.

אַ ים־ריח אַ הייסער, געזאַלצענער, האָט געשלאָגן פון מירהס לייב.

זי האָט געטראָגן אויף זיך אַ לייכט זומערקלײדל. די האָר — פייכט און דין צעקעמט. אַ זאַמדשטויב, אַ ליכטיקער, האָט באַ־דעקט איר הויכן, שיינעם האַלדז, אַן אָפּגעדעקטן ביזן שמאָלן אָפּענעם בריסט־טאָלעכל. לעבעדיקע, איינגעדרייטע שלאַנגען האָבן זיך דאָרטן געוואָרפן. עטוואָס מאַטער האָט דער זאַמדשטויב אויס־געזען אויף אירע קני פון אונטערן קורצן קליידל. אויף די פינ־פינגער — סימנים פון אין איילעניש אָפּגעריבענע סמאָלעפּלעקן.

— צו ווען האָסטו זיך אַזוי געיאָגט, אַז די סמאָלע פון די פינגער נישט אַראָפּגענומען?

— אַהיים.

— האָסטו נישט געזאָגט אין שטוב, אַז דו גייסט צום ים?

— אַזוי שפּעט? די אמא וועט זיכער איבערקלערן.

— נו, באמת. נאָך אונדזער צופעליק טרעפן זיך האָט צוגע־פּעלט.

— צופעליק?

— ווי מיינסטו?

מירה האָט נישט געענטפערט.

— ווילסטו שוין גיין?

— כ'האָב עס נישט געזאָגט.

— מירה.

זי האָט אַוודאי געשפּירט אין מיין קול די דאַנקבאַרקייט. אַ דאַנקבאַרקייט צום יונגן, קלוגן מיידל. סיי דאָס גיין צום ים, סיי דאָס אויסרעכענען די שעה פון צוריקקערן זיך מיט די גאַסן, ווו אונדזער טרעפן זיך איז כמעט אומפאַרמיידלעך — איז דאָך איר, מירהס איינפאַל.

ווען זי וואָלט זיך נישט געיאָגט אַהיים — רעד איך צו איר — ווען זי איילט זיך נישט אַזוי, וואָלט מען דאָ נאָך אַ ביסל אונ־טערגעזעסן. אַ שאָד, וואָס מען האָט זיך פריער נישט געטראָפן ביים ים.

— איך מיין אויך אַזוי — זאָגט מירה.

— וואָס מיינסטו אויך אַזוי?

— וואָס מען האָט זיך פריער נישט געטראָפן ביים ים. אַ יונג האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט. אַ טיפּש פון אַ יונג, אַ חוצפּן. מאָרגן — מאַכט ער — וועל איך ווידער קומען.

— יאָ. אַזוי זענען זיי, די יונגע, — חוצפּהניקעס, כּוח־גייערס. מירה האָט געשמייכלט. איך האָב איר אָנגענומען פאַר דער האַנט. זי האָט געלאָזט איר הענטל אין מיינער.

די האַנט, די צאַרטע, די מיידלשע: וועמעס איז זי? און מיינע רייד, די פאַרשטיקטע פון פריידיקער אויפרעגונג: פאַנטאַן. וואַסערערלעך, ווי געשליפן גלאָז... טונקעלע ליכטער, וואָס טאָפּלען זיך אין גרינעם וואַסער. אַ „גדר חי", צי גראָזן. גרינע לאַנקע פוןביידע זייטן ווייסל? — — ווער איז דאָס מיידל, וואָס זיצט נעבן מיר? — —

— — נחמה. מיינע רייד זענען שטילע, ווייכע, ווי דאָס געפּליעסק פון טייך. סטאַטעק אויפן ווייסל. לעמפּעלעך, איבער־געקערטע, אין וואַסער.

נחמה האָרכט. איך רעד אין איר אַריין. פון טיפענישן, וואָס שלינגען איין יעדן קלאַנג און ווידערקול — קומען מיינע רייד.

נאָענט זענען מיר געזעסן, צוגעטוליעטע. נאָענט האָט זיך גע־הערט דאָס הויכע, האַסטיקע אָטעמען פון ביידע. אַן עקזאַלטירט, פאַרציטערט אָטעמען אויסגעמישט מיט אָפּגעהאַקטע ליבע־שעפּ־טשענישן — אַ שטיל, טיף טשעלאָ־קול.

צוויי אָנגעצויגענע סטרונעס אויף אַ טשעלאָ אין האַנט פון ליבע־מייסטער — עראָס.

נחמה.

אויב ביסט ערגעץ ווו פאַראַן. אויב דיין אויער איז נאָך אָפן פאַר מוזיק: דיינע הענט, די שמאָלע, צאַרטע פינגער, ציען נאָך צו אַ פען; אויב דער שטויב פון צייט נישט פאַרשאָטן האָט דאָס געדעכעניש נאָך מיר — וואָלסטו אַצינד — נאָך אַ קנאַפּן יובל יאָרן — צוגעשריבן צום ליד „בעטהאָווען" די דאָזיקע שורות:

— מיט פינגער געטלעכע האָסטו שטיקער
שײן געריסן
און מענטש גענערט.
דו — טויבער קלאַנגען־פּראַמעטעוס:
גאָט שעפּטשעט דיר זײַן סוד אַרײַן
אין קראַנקע אויערן.
דו ביסט, ווי איקאַרוס פון הימל געשיקט:
ראוי אויף רחמים, אויף כבוד און גנאָד.
דײַנע פינגער צערײַסן דאָס האַרץ פון גאָט.

אַ קלײנער בעטהאָווען בין איך. אַ נאַפּאָלעאָן אויף סאַנטאַ העלענאַ. נישט אין וואַנעס פון פערפום פּאַריאַג איך מײַן בדידות. אין וואַנעס פון בדידות פּאַריאַג איך די שיכרות און שײנקײט פון לעבן.

ער — אַן אימפּעראַטאָר נאָך פאַרשפּילטע שלאַכטן.

איך — אַ הערשער, אַ באַהערשטער פון ווערטער־אַרמײען: האַלט מיט זײ כסדר מלחמה.

— פאַר וואָס אַזוי טרויעריק, אדון? אפשר מיד?

— מיד? טרויעריק? וואָס פעלט דיר אײן, מירה?

— מירן אפשר גײן? שפּעט — האָט מירה געזאָגט און זיך אויפגעהויבן.

צום אויטאָבוס זענען מיר געגאַנגען מיט אײנע פון די רוישיקע גאַסן.

אַן אײלעניש. ענגשאַפט. אַפּטײק־ריחות. מענטשנשווײס.

מיר זענען אַרײַן אין אַ זײַטיק געסל. און איך האָב גערעדט צו מירהן וועגן הימל דעם נאַכטיקן: וועגן מזלות — בלאַנדזשענ־דיקע שטערן, וואָס די ליכטער אויף דער ערד, און די רויכן — פאַרשטעלן פאַר אונדז.

איך האָב צו איר געזעדס וועגן די היגע זומערנעכט. כ'וואָלט וועלן אַצינד אַריינאָטעמען אין זיך זייער מילדע וואַרעמקייט, איינהערן זיך אין וואַקסן פון דיביימער אין די סקווערן, שטאָט־גערטנער, און פון בײדע זייטן טראָטואַר.

ווען זי וואָלט זיך נישט געיאָגט אַהיים, מירה, וואָלטן מיר אַצינד אויפן ברעג ים געזעסן. זיצן מיט נאַקעטע פיס צום שומיקן שטראָם פון די כוואַליעס.

איינקוקן זיך אין זייער געיעג איינע נאָך דער אַנדערער: יאָגן און רייטן איינע אויף אַנדערער. קעמלען. קעמלען אויף קעמלען.

ענדלאָזער ים־מידבר. ס'יאָגן די „קעמלען" צום זאַמדיקן ברעג, און דאָ, ביים ברעג — עקט זיך זייער קורץ לעבן.

איז וואָס, אַז כ'גיי אַ ביסל געבויגן. שווער מיין טראָט. שווע־רער און שוואַכער פון נעכטן און אייערנעכטן.

מיינע אויגן זענען נאָך יונג. די שיינקייט, דער חידוש, וואָס איז עולה צו מיין ראיה, מאַכט מיך ווי אַ מילגרוים פול מיט התפעלות.

*

צו מאָרגנס האָב איך פריער געשלאָסן דאָס ביוראָ און אַוועק צום ים. זי דאַרף זיין דאָ, מירה. זי איז אַ בעלן צו זען, האָט זי געזאָגט, צי וועט ער זיך אָפּטשעפּען פון איר, דער חוצפן.

נאָענט פון מירהן, אויפן זאַמדברעג, בין איך געלעגן. נעבן מירהן — ער, דער יונג.

— — און ער האָט געלאַכט, דער יונג. ס'האָט געלאַכט אויף אים דער קאָפּ, דער שוואַרץ טשופּרינטער. איך האָב אים נישט אָוועקגעיאָגט פון איר. אַוועקגעיאָגט פון איר האָט מיך זיין ווייס־ציינ'יק געלעכטער.

זון. ים. זון און ים. דער טאָג פאַרגייט. נאָך אַ טאָג. טעג.

מײַנע יאָרן. ליבשאַפט. נחמה. איך טראָג דיך, ווי אָדם די וועלט אין זײַן ריפּ. זינט מען האָט דיך פון מיר אויסגעשניטן — גיי איך אום אַ פאַרווונדעטער. צעהאַלבטער. זוך דיך אויף אַלע וועגן פון לעבן.

מירה.

און ער האַלט זי אַצינד אין זײַנע אָרעמס. זײַנע איז זי. זײַן וועלט: די גאַנצע וועלט מיט אַלע אירע הימלישע און ערדישע פרײַדן.

# לידער

## פון טרייסט און פון טרויער און פון טויט

# אאזיס

צו ערשט איז אויפגעגאנגען אין מײַן אויג
די פאַרב: ריחות רויע, רויִקע פון טויען.
דערנאָכדעם מיך באַזעסן האָט די שיינקייט, ווי אַ רויג,
וואָס מערט זיך אויף די ימיש הויכע דנאָען.

געצויגן האָט צו דיר מײַן גוף און גײַסט —
אַ קאַראַוואַן פון מידע, בלאָנדזשענדיקע יאָרן.
פאַרוים פון קאַראַוואַן — אַ וואָגלהאַריץ, אַ הײם,
פון ליבשאַפט אַ צעריסנס. צעוווּנדיקט פון אַ דאָרן.

דאָרן און דערנער אין מידבר פון מײַן לעבן.
טרוקעניש און וויסטע. ליידיקייט און ענגשאַפט:
מיט דער תבונה פון מײַן דאָזײַן זיך פאַרוועבן
וויל איך — שטעלט אַנטקעגן זיך די בענקשאַפט.

בענקשאַפט, דאָזײַן — אַ פאַרפאַלק צעקריגטע.
וואָס לענגער צוזאַמען — מער זיך דערווידער.
איך בין דער זיגער, זי — די באַזיגטע.
פון ניצחונות צו פיל — ווער איך מיד און מידער.

— — —

אַנגעשווּמען ביסטו אין מײַן אויג, אַאַזיס,
צו מײַן חלום־שיף, וואָס זוכט אַ האַפן:
וואָלט בנימצא נישט געווען אַזאַ מין באַזיס —
אויסגעדמיונט וואָלט איך דיך, באַשאַפן.

## וואָלט איך צייט געהאַט

ווען איך האָב צײַט, ווי גאָט
שפּיל איך זיך מיט דיר
אַן אייביקייט.
דו ביסט מײַן מלאך
אויף דער ערד.
געקניט איך וואָלט פאַר דיר אין גלייביקייט.
מהלך —
פאַרצימצומט אין אַ טראַט.

בין איך דאָך בן־אָדם —
אַ חלום פון ליבע און ליכט.
דו ביסט מײַן שאָטן —
צוגעטיילט איז אונדז דער טאָג.
ס׳ליכט איז קאַרג
די נאַכט איז לאַנג.
זאָג:
פאַר וואָס בעטסטו נישט בײַ מיר דאָס לעבן?
אָדער —
גיב מיר דײַנס אָפּ אין געשאַנק.

## אַז כ׳טראַכט פון דיר

אז כ׳טראַכט פון דיר
ווערן גרינגער מיר די רגעס.
די שוויַיגנדיקע שעהען — לידער.
אַז כ׳טראַכט פון דיר
ווערן ליכטיקער די וועגן צו די סופן,
ווי גייענדיק איעדער בלייַבט אַ מידער.
אַז כ׳טראַכט פון דיר
ווערט מיַין טרויער יִינגער — לבנה אין באַגינען.
און די פרייד פון טרויעריק זיַין באַקומט אַ זינען.

*

אין דרויסן איז קאַלט.
נאַכט.
ווינט שפּילט זיך מיטן קייטעלע פון לאָדן.
אין שטוב איז וואַרעם.
דאָס בעט איז שוין געמאַכט.
שטיל.
מיט דײַן נישטאָיקייט די שטילקייט איז געלאָדן.
קום.
אַ פרילינגס־אָוונט איז דײַן האַלדז.
כ'טרינק זײַן מילדע וואַרעם —
מיט דערבאַרעם
כ'וויקל אָפּ דיך פון דײַן סוד,
ווי אַ כירורג וויקלט פון באַנדאַזשן אָפּ
אַ וווּנד.

## ב יי ד ע ו וי ס ן

כ׳האָב אַ גאַנצן טאָג, אַ אָוונט און אַ נאַכט
געטראַכט
אַ טראַכטונג
פון ליבע און פאַראַכטונג.

פון דײַנע בליקן כּעסיקע, וואָס פאַלן
אויף מיר ווינקלדיק און שיף,
ווי שטראַלן
פאַרנאַכטיקע אויף שוועלן:
פון פּנים דײַן פאַרצערטן,
ווו זון און שאָטן יאָגן זיך
נאָך גן־עדן דעם צעשטערטן.

אַ גאַנצע נאַכט. אַן אינדערפרי ביז העלן
טאָג האָב איך געטראַכט דערוועגן.
אַזוי אָפן און פאַרהוילן די וועגן
פון ליבשאַפט און לײַדן.
זענען דען נישט ביידע
זײַטן צוויי פון איין מטבע?

אַלע קושן קויפסטו אוים מיט טרערן.
פאַר געלעכטער צאָלסט מיט הארב געוויין.
אויף תשוקה־פעלד בליִען און געדײַען

בלומען סמיקע. אויבעט פלאנצן
שטילע, היילנדיקע סאַרטן.

דו אַליין
ביסט דער שומר פון דעם גאָרטן,
ווו אָדם יאָגט זיך נאָך זײַן ריפּ:
ער וויל זי צוריק אין זיך פאַרשליסן און פאַרגאַנצן. — —
מעגסט פאַראַכטן, שמײַסן
מיך מיט בליקן פון צעקריגשאַפט.
ביידע ווייסן:
שינאה, רוגז זענען — המשך ליבשאַפט.

# כ׳האָב געוווּסט

כ׳האָב געוווּסט:
אַזוי וועט עס זײַן.
כ׳וועל טרינקען דעם ווײַן
פון אַ חלום.
זיך נערן
מיט קוק — אייביק הונגעריקן
פון אומגעזעטיקטער שיינקייט
דײַנער.
ווי אײנער,
וואָס אַ קישן איז אים די אַליינקייט
כאַפּט זיך אויף אין מיטן
פון אַ גוטן
חלום
און וויל די אויגן צוריק פאַרמאַכן
ס׳זאָל אים
אָפּן זײַן דער וועג צו זאַכן:
גרויסע קליינע זאַכן
פון גאָט און מענטש געגעבן,
פול מיט וווּנדער און מיט ווײ,
וואָס אָן זיי
קאָן אַ מענטש נישט לעבן.

*

כ׳האָב געוווּסט:
ס׳האָט געמוזט
געשען,
ווײַל אין אָנהייב איז געווען —
דער סוף,
דאָס שיידן.
ווײַל ס׳איינציקע, וואָסביידן
בינדט,
איז דער מרחק
פון יאָרן:
אַ באַרג.
איך — אַ מאַן אַן אַלטער אין אַ יונגן פראַק.
דו — אַ מיידל־קינד,
אַ הירשיכע, אָקערשט געבאָרן.
איך — אין שפּאַן, אין שווערן, באַרג־אַראָפּ,
דו — ווינטיק טוסט אַרויף זיך טראָגן.
איבער מײַן־דײַן קאָפּ —
אַ האָריזאָנט:
— רויטער זונפאַרגאַנג.
— אַ רויטקייט פון פאַרטאָג.
— — —

...ווייל דער סוף איז
אין אָנהייב געלעגן,
ווי אַ יאָדער אין אַ קליפּה,
ווי אַ ווערעמל אין קאָרע.
נישט מער: מײַן עלטער, ווי דער שטייגער,
געצויגן האָט צום מופת
פון דער יונגשאַפט. דײַן נײַגער —
צו פאַרשטאַנדיקייט, חכמה היפּער
רײַפער פון אַ מענטש אין די יאָרן.

## איך האָב צו איר גערעדט

איך האָב צו איר גערעדט,
זי האָט געשמייכלט.
אין די אויגן גרינע — קאַלטער שטאָל:
שטאָל געלאָשענער מיט מאַטן שײַן —
„ווילסטו עפּעס זאָגן, פרעגן?"
זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

א פאַרשלאָסענע איז זי געזעסן. אַרומגעגדרט
מיט אַ שווערן שווינדלערישן שווײַגן.
איך האָב ווערטער געזוכט. זיך געפּעדערט
געפעלן איר. רעכטפאַרטיקן און איבערצײַגן

זיך און איר: כ'בין איר נישט אַזוי אומנייטיק,
ווי זי וויל מיך מאַכן מיינען —
אלא מה? לאַכן פון פאַרשטיקטן ווייטיק
איז כאַרוועך פאַר אַ פרוי, ווי וויינען.
— — —

נישט דײַן שווײַגן אַרט מיך. נישט די רייד.
ביידע צו אַ פונקט אָן איינציקן זײַ צילן:
נישט, אַ פּנים, אין ספּעקטאַקל גייט
דיר. דער עיקר איז בײַ דיר דאָס שפּילן.

## עפּעס טראַגסטו אין זיך פאַרהוילנס

עפּעס טראַגסטו אין זיך פאַרהוילנס.
איבערדראָיִק ביסטו און פאַרסודעט.
וויפל מאָל איך פּרווו און קען ביַי זיך נישט פּועלן:
וויפל מאָל איך וויל און וואָג נישט
צו דיר צוגענענען. ביידע זיך מתבודד
זיַין. קוים נאָר דערוויַיטערן פּרוביר איך,
גיט אַ צי מיך, ווי ס'נאָדעלע צום מאַגנעט.

הויך דיַין קאָפּ דו טראָגסט פאַרריסן.
דיַין גאַנג סיַי בייגיק איז, סיַי שטאָליק.
אַ סך איז ער מבטיח. גאָרנישט גיט ער —
און פאַלט דיַין בליק — פאַרשאָטנט און קרישטאָליק
אויף עמעצן, טוט ער שטומערהייט צו וויסן:
„ווילסטו מיַין געליבטער ווערן? אדרבא",
נאָר קודם ווער איך דיַין באַפעלער, דיַין געביטער.
— — —

עפּעס טראָגט אַ סוד אין זיך דיַין פריִע רייַפקייט.
ס'זשומעט ווי אַ בין דאָס שוויַיגן — האָניקדיק און האַרב:
נישט אַנדערש: דיַין שטאַרקייט און דיַין שטיַיפקייט
ס'פעלן פון בטחון-עצמי דעקן דאַרף.

# עמעצער האָט ווידער היינט דערמאָנט דיין נאָמען

עמעצער האָט ווידער הײַנט דערמאָנט דײַן נאָמען
און עפּעס האָט אין מיר זיך אָפּגעריסן.
פֿון וואַנען אַזוי פּלוצעם ביסטו אָנגעשווומען
שיף פֿאַרלאָרענע? כ׳הייב, אָסור, עס נישט אָן צו וויסן.

הונדערט מאָל דערווײַטערט כ׳האָב, פֿאַרשאָלטן
די מינוט פֿון זעען דיך, דערקענען,
און דו — אַ בליץ, הימל כמאַרנעם האָסט געשפּאָלטן
ווידער. אין שכחה צעצונדן דאָס גיהנום.

נישט געטרונקען כ׳האָב פֿון האָניקקוואַלן
דײַנע. נישט געזעטיקט זיך מיט גײַסטיקייט פֿון גוף.
אַ דאָרשטיקער אין ליבע־מידבר בין איך צוגעפֿאַלן
צו די ליפּן, מיט דאָרשטיקייט געבליבן כ׳בין באַשטראָפֿט.

ווידער האָט עמעצער דערמאָנט דײַן נאָמען
און מניה־ביה דו ביסט פֿאַר מיר דערשינען.
כ׳ווייס: צוריק צו מיר דו וועסט נישט קומען.
דאָך בענטש איך די מינוט פֿאַרשאָלטענע פֿון דיך דערקענען.

*

כ׳האָב גאָרנישט מער פון דיר אַצינדערט צו דערוואַרטן:
דײַן האָב־און־גוטס און ס׳שיינע אָפּגעגעבן האָסט אַ צווייטן.
אַ פאַרכּישופטער, באַרוישטער שטיי איך בײַ דײַן באָרטן.
ןקר, דער צווייטער, דרינגט אין דײַנע אינגעווײדן:

שיף מיט אוצרות ניסתרע פון מײַן האַפן
טראָגסט אַוועק זיך אין ערגעצלאַנד — אהבה.
און איך — אַ ווייטיק־באַרג געלאָדענער מיט לאַווע —
פיבער, ברען בראשיתדיק מיט פײַער פון באַשאַפן.

כ׳שטיי אַצינד — אַ בוים, פון דונער באַטויבט און
צעשפּאָלטן.
שווער פאַרוואַקסן זיך די וווּנדן פון אַ בוים אַן אַלטן.

וויפל שטורעמס, בליצן זענען איבער מיר אַריבער:
טוי־טראָפּנס, זון און שטערן אויפגעשווידערט פריידיק
האָבן ס׳לײַב. מער פון אַלץ מיך איבערפולט דײַן „ליבער
מײַנער״. אַן דער שעפּטשעניש כ׳בין ווידער ליידיק

ווי געווען איך בין, איידער כ׳האָב דערשמעקט דיך,
בלום מײַן דופּטיקע, מײַן לופּטיקע, מײַן קליינע —
כ׳האָב גאָרנישט מער פון דיר אַצינדערט צו דערוואַרטן.
מ׳צווייטן אָפּגעגעבן האָסט דײַן האָב־און־גוטס און ס׳שיינע.

## ווער?

ווער האָט דעם שד אין אויגן דײַנע אָנגעצונדן.
ווען האָסטו מיטן שאָטן זיך פאַרבונדן,
צעשמייכלטע, באַשכלטע, שיינע? צו וואָס
נעמען זיך צו הילף דעם אימת-מוות?

סײַ ווי דײַן קוש פון ליפּן הייסע — קאַלט איז.
סיביריש דער ריח פון דײַן לײַב — שניי און צווים.
הינטער שניי — אַ ברענענדיקער וואַלד איז
צעפאַלן זיך אויף קוילן. זיי ברענען מיר די טריט.

אַרומגענומען כ'בין אין דיר געלעגן. מער ווי איין מאָל
אויסגענאָגט דעם האָניק פון איעדן אבר —
נאָר זעען דיך איך וויל שוין מער נישט קיין מאָל,
ווי ס'וויל אַ מענטש נישט זען זיין אָפן קבר.

ליבסט און גרוים דײַן תשוקה איז געליבט צו ווערן.
נאָר ס'קאָן אַ רוע לב נישט הנאה זיך פאַרגינען —
עסטו אָפּ דאָס הארץ זיך. צעפרעסן ווערן
די תענוגים, ווי קינדער פון הונגעריקע מוטערשפינען.

# לאַנג וועט דײַן געשטאַלט מיך נאָך באַגלייטן

לאַנג וועט דײַן געשטאַלט מיך נאָך באַגלייטן.
און דײַן שמייכעלע וועט לאַנג מיר וויי טאָן.

ווײַל פאַרגענגלעך איז דאָס שיינע. אומפאַרבײַטיק,
בלײַביק איז די עלנט און דער ווייטיק.

ס׳ברענט אוים דער טאָג אין פאַסן בלוטיק־רויטע.
נאָך אומקרײַז פינצטערן — ער צינדט ווידער אָן די קנויטן.

נאַקעט דרימלט האַרבסט אַ בוים. ס׳בלעטערוואַרג צעשיט ער.
אין די פרילינגס שטייט ער אויף — אַ גרינער,
אַ צעבליטער.

זאָג: צי האָסט דו טאַקע אויפגעבליצט, כּדי
תּהומיקער אין מיר צו מאַכן ס׳פינצטערע געשפּריי? —

כּײַ וואָלסטו פון וואָלקנס נישט אַרויסגעמעסערט, —
אין טונקלעניש פאַרשלאָסענער געוועזן איז מיר בעסער.

— — —

לאַנג, גאָר לאַנג נאָך וועט מיך דײַן געשטאַלט באַגלייטן.
ס׳וועט דײַן שמייכעלע מיך היילן און מיר וויי טאָן.

## ווי קען איך דיך פֿאַרגעסן

ווי קען איך דיך פֿאַרגעסן —
תּמצית מײַנער פֿון מעת־לעתן.

פֿון טאָג און נאַכט דו ביסט די שרויף,
וואָס דרייט אַרײַן די אויגן־קנויטן
מיר — און דרייט צוריק זיי אויף.

גיי איך מיט דער זײַט פֿון זון —
ווערסטו גלײַך מײַן שאָטן
און יאָגסט ווי אַ קיל ווינטל אָן
אויף אַ באַנק אין גאָרטן.

בײַם ים — אַ גאָלדיק־ריינע כוואַליע
מיט שטורעם און מיט ווייכקייט אין מײַן ראיה:
דײַן שיינקייט ווידער מיר נתגלה
ווערט. ביקיני נאַקעט אָפּ דײַן צניעות.

הער איך טריטלעך יונגע, שטייפֿע —
טאַקטן פֿערטלדיקע, האַלבע —
טאַנצט דאָס בלוט אַרויף צו שלייפֿן,
קאָפּ — אַ נעסט פֿון קראַנקע שוואַלבן.

ביסטו עס, מיידל נאָענט־ווײַטע —
וויל איך און איך וואָג נישט פרעגן.
ניין. נישטאָ דײַנס גלײַכן. נישטאָ אַ צווייטע
זאָל נאָכגיין מיר אויף אַלע וועגן,
— — —

ווי ס׳קען אַ לייב זיך נישט צו זאַט אָנעסן,
נישט גענוג מיר איז ס׳נישט קענען דיך פאַרגעסן.

זאַט מיט ליבע־הונגער בין איך. ער איז נייטיק
מיר ווי די פרייד. וואָס שטראַלט אַרוים פון ווייטיק.

# סיום

פאַר וואָס איך שווײַג, פֿרעגסטו?
ווייסט אַליין.
דאָס איז דאָס לעצטע מאָל.
די לעצטע רייד.
דאָס וואָרט, וואָס פֿײַערט פֿון מײַן מויל
אַצינד, וועט מיט דער צײַט
גידערן אין טאָל —
אַ שטיין.

אַ שטיין — אַ שתיקה
איז אַצינד מײַן ליבשאַפֿט צו דיר.
איבער איר —
דער ליבשאַפֿט דער פֿאַרשטיינטער —
פֿליסט די צײַט,
אַ קוואַלוואַסער פֿאַר דאָרשטיקע, פֿאַר מידע.

אויך דו קומען וועסט צו גיין
און בייגן דײַן שטאָלצן קאָפּ
און זעען וועסט אין „וואַסער־שפּיגל"
זיך אַליין.
און הערן וועסט, ווי אין שלאָף,
ס'דימענטענע שווײַגן פֿונעם שטיין —
דײַן שטראָף.

## דער שמאָלער וועג

איטלעכס מאָל, ווען כ׳פאָר פאַרביַי
דעם בית-הקברות, וואָס בײַם וועג,
גיט אויף מיר די הויט
אַ ציטער:
וואָס טוט ער
דאָ, דער טויט? —
גיב איך זיך אַ פרעג —
דאָ, אין מיטן פון געפאָר, געגיי.

געוואלד, געוואלד!
(גיי באַנעם עס)
ווי באַלד
פון דער וועלט ביזן עולם-אמת
פירט אַ שמאָלער וועג —
צו וואָס זשע דאָס געאײַל פון טעג,
די טרוימען פון דער נאַכט?
סאַראַ ווערט
האָט
ס׳זוכן גאָט
אין הימל. און אויף דער ערד —
דעם גן-עדן?
סײַדן —

אויסגעדמיונט בײדע האָסטו,
בײדע האָסט געבוירן
און פֿאַרלוירן
דאָ, אויפֿן שמאָלן וועג צווישן וועלט דער היגער
און דעם עולם־אמת.
פֿון בײדע כאַטש אַ רמז
זוכסטו. מחמת ס'זוכן איז דער עיקר.

# אַ שטילער ווינקל

אַ שטילן ווינקל זוך איך.
כ'זוך אַ שטילן ווינקל.
פונעם קומען ביזן אָפּגיין —
אַ פינקל
מיטן אויג איז.
וואָס מיר רייכטום, תהילה, גרויס זיין.
צו וואָס טויג עס?

אַ טאָג גייט אָפּ. אַ נייער קומט. דער קרייז
סיי ווי מוז זיך שליסן:
אַ קינד. אַ גרויסער. אַ גרייז —
ס'זאָל דיך, זקן, נישט פאַרדריסן.

ביסט אַן אורח אויף אַ מאָלצייט. אַ ווײַלע
איז דיין לאַנגער זיין דאָ —
טרינק און עס צו זאַט. במילא
גייסט אַוועק אויף מער נישט זיין דאָ.

שפּין זשע, צייט — קלוגע קלאָגערין —
אַ נייעם טאָג אין מיין ווינקל שטילן.
און איך, שוטה, מיין מאָלצייט מאָגערן
וויל מיט בענקשאַפט זאַטער שטילן.

## צרור החיים

א

ער רוקט זיך אונטער, דער מאַנסטער.
דער גאַרנישט.
דער יש.

קילע ווינטלעך טראָגט
ער אין די פּאָלעס.
יאָגט
זיי אָן אויף מיר,
אין מיר.

ציטערן די הענט.
און אין אויג — ס'שוואַרצאַפּל
צאַפּלט.

באַלד וועלן זײַנע קאַלטע, לאַנגע פינגער
אַרומקלאַמערן מײַן האַלדז.
און אַלץ
וועט פאַלן.
פאַלן.
פאַלן.

ב

העי, העי, מ׳טאָר נישט
אונטערגעבן זיך —
כ׳זאָג צו זיך.
און מיט אַ מאָל מיר ווערט אומהיימלעך גוט:
איך וויל אַלץ.
איך וויל גאָרנישט.
כ׳ווייס צו מאָל נישט
צי ס׳איז טאָג, צי נאַכט,
צי מײַן ערשטע, צי מײַן לעצטע שעה —
צי לעב איך?
צי בין איך שוין נישטאָ.

נענטער, נענטער
גענענט ער —
דער מאָנסטער.
„גיי באַפרײַ אים
פונעם לעבן״ — הער איך,
ווי ער טוט באַפעלן — —
ווער איך
טאַקע ווידער גאָרנישט?
ווי דער גאָרנישט —
אַ יש
אינעם צרור החיים?

# אינהאַלט

## יאָרן

קאַפּיטל איינס . . . . . . 7
קאַפּיטל צוויי . . . . . . 21
קאַפּיטל דריי . . . . . . 26
קאַפּיטל פיר . . . . . . 42
קאַפּיטל פינף . . . . . . 48
קאַפּיטל זעקס . . . . . . 60
קאַפּיטל זיבן . . . . . . 67
קאַפּיטל אַכט . . . . . . 73
קאַפּיטל ניין . . . . . . 80
קאַפּיטל צען . . . . . . 96
קאַפּיטל עלף . . . . . . 104
קאַפּיטל צוועלף . . . . . . 117
קאַפּיטל דרייצן . . . . . . 136
קאַפּיטל פערצן, סיום . . . . . 140

# ל י ד ע ר

## פון טרייסט און פון טרויער און פון טויט


אַזיס . . . . . . . . . . 149
וואָלט איך צייט געהאַט . . . . . . . 150
אַז כ׳טראַכט פון דיר . . . . . . . 151
אין דרויסן איז קאַלט . . . . . . . 152
ביידע ווייסן . . . . . . . . 153
כ׳האָב געוווּסט . . . . . . . 155
איך האָב צו איר גערעדט . . . . . . 158
עפּעס טראָגסט אין זיך פאַרהוילנס . . . . 159
עמעצער האָט ווידער היינט דערמאָנט דיין נאָמען 160
כ׳האָב גאָרנישט מער פון דיר אָנגעדענקט צו דערוואַרטן 161
ווער ? . . . . . . . . . 162
לאַנג וועט דיין געשטאַלט מיך נאָך באַגלייטן . 163
ווי קען איך דיך פאַרגעסן . . . . . . 164
סיום . . . . . . . . . . 166
דער שמאָלער וועג . . . . . . . 167
אַ שטילער ווינקל . . . . . . . 169
צרור החיים . . . . . . . . 170

## פון זעלבן מחבר:

**זיין**, לידער. מינכען, „פרייהייט״, 1948.

**ברויט**, ראָמאַן. תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פרץ, 1960.

**זאַמד**, ראָמאַן. תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פרץ, 1963.

**גורלות**, ראָמאַן. תל־אביב, „המנורה״, 1967.